STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03430

FUN FRISTN FRILING BIZN SHPETSTN VINTER

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. דיימאָנדשטיין

פון פריסטן פרילינג -
ביזן שפעטסטן ווינטער

לידער־זאַמלונג

אין:

(יידיש—ענגליש—עיברית)

דער וועלט מיינע לידער מעג קלינגען שוין אַלט
נאָר ניי אין מיין האַרצן זיי זיינען
כ׳פיל יעדער וואָרט ווי אַ דונער דערשאַלט
מיט טויזנטער בליצן דערשיינען

(דער סטראָף — גענומען פון
מיין ערשטן לידער־בוך.)

פריי צו איבערדרוקן. מען מוז אָנגעבן פון וואַנען (דעם קוואַל).

פאַרלאַג צפת׳ער ליטעראַרישע העפטן

צפת — 1965 — ישראל

FROM EARLY SPRING TO END OF WINTER

Collected Poems in

(Yiddish, English and Hebrew)

by **BORIS DIMONDSTEIN**

„די דאָזיקע שירים, די יידישע, האָב איך
געפונען אין אַ קאָנווערט באַצייכנט - יאַ־
נואַר, 1950.
וואַרשיינלעך, האָב איך זיך געקליבן דאָן
זיי אַרויסצוגעבן און זיי זיינען פאַרזעך
און פאַרלעגן געוואָרן ביז איך האָב זיי
אַנטדעקט: געוויינטלעך נישט אַלע.״

Drowings by the Author

צייכענונגען פון מחבר

Published by the SAFATER LITERARISHE HEFTN

Safat — 1965 — Israel

איך האָב אויסגעלייגט די זייטן מיט נומער 7. איך האָב פאַר־גרייט שטח פאַר אַ **פאָרווערטס**, וואָס אבא גאָרדין ז״ל האָט געוואָלט שרייבן צום לידער־בוך. ער האָט געוואָלט קומען צו מיר פאַרברענגען פאַר אַ וואָך און אין דערזעלבער צייט שרייבן דעם פאָרוואָרט. דאָס איז זיין לעצטע קאַרטל, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט. די קאַרטל באַצייכנט 16.7.64. אגב האָב איך זי דערהאַלטן 9.8.64. ס׳איז אים צוריקגעקומען, ווייל ער האָט פאַרגעסן אונטערשרייבן צפת.

דאָס איז דער ערשטער פאַראַגראַף:

„ליבער פריינט ב. ד.

איך האָב געהאַט בדעה קומען צו אייך אַ טאָג צוויי דאָס אַלץ. אויף מער האָב איך קיין צייט ניט און נישט קיין געדולד.

נעמט עס ווי אַן אויסשטויש, פּראָפּאָזיציע.״

ס׳איז פאַרשטענדלעך וואָס ער מיינט. — אַז ער קומט ספּעציעל פאַר דעם פאָרוואָרט. און ער האָט נישט קיין צייט און קיין געדולד מער: — אַזוי זענען מיר אַלע — ווייל אין אַ וואָך שפּעטער, נאָך זיין פּטירה, בין איך שוין געלעגן אין בית־חולים פאַר דריי וואָכן און מען האָט מיר געראָטן פאַרגעסן אַלץ און לעבן רואיק, דערהויפּט פאַר מיינע יאָרן דאַרף איך זיך נעמען אין די הענט!... אַזוי האָט דער דאָקטאָר געראָטן.

און אַזוי ווי איך האָב שטח און קיין פאָרוואָרט איז נישטאָ, וועל איך אָפּדרוקן עטלעכע בריוו, וואָס קאָלעגן־מחברים האָבן צו מיר געשריבן צו מיין לעצטן בוך לידער — „דואַליזם״. הלוואי דערלעב איך זען דעם בוך אָפּגעדרוקט. דער דרוקער האַלט אים שוין מער פון אַ יאָר. ווי קאָן איך זיין רואיק מיט אַ „טעמפּער״?

פ אַ ר ק י ר צ ט ע   ב ר י ו ו.

חשובער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאָנדשטיין:

אַ דאַנק פאַר אייער שיינער מתנה, אייער לידער־זאַמלונג „דואַליזם״, וואָס איז באַצירט מיט פּרעכטיקע בילדער. די לידער דערציילן וועגן שטימונגען פון אַ יידישע מענטש אין פאַרלויף פון אַ סך יאָר אין אונדזער קולטור־צייט.

אייער פּראָדוקטיוויטעט איז פּשוט צו באַוווּנדערן. איך וויטש אייך נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

מיט בעסטע גרוסן און מזל־טוב, אייער **א. ניסאָנזאָן**

28 מאַרטש, 1959

מיין ליבער דיימאַנדשטיין:

איך דאַנק אייך באמת פאַר די מי וואָס איר נעמט זיך מיר מהנה זיין מיט אייערע „העפטן" און אויך וואָס אייער פּראָדוקטיווער פעדער באַלעבט. באַזונדער יישר כוח אייך פאַר נישט אויסלאָזן אייער לעצטן לידער־זאַמלונג. ביז גאָר זענען מיר אויך געפעלן אייערע מאָלונגען.

זייט געזונט האָט נחת פון אייערע אַרבעטן אין אייער לעצטן בוך.

מיט נאָענטסטע גרוסן, אייער **יאָסל קאָהן**

יולי 9, 1959

ליבער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין

אַ דאַנק פאַרן בוך „דואַליזם". ס'איז פּראַכטפול אַרויסגעגעבן און די בילדער מאַכן רייכער דעם בוך. די לידער לייענען זיך גלאַט און געשמאַק און די אָפּטייל — נייע לידער", איז באמת גוט!

אייער **חיים פּעט**

ליבער פריינט און קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין:

איך דאַנק אייך פאַרן בוך „דואַליזם" און אויך פאַרן בוך איבערזעצונגען אייערע פון די ענגלישער פּאָעטן. זיי זענען גוט. עס איז אַלע מאָל גוט צו טרינקען פון אַלטע קוואַלן, וואָס בלייבן אייביק פריש.

אייער **ב. ביאַלעסטאָצקי**

ליבער קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין:

אַ דאַנק פאַר די צוויי ביכער (איינער „דואַליזם"), וואָס איר האָט מיר צעגעשיקט. איך וועל זיי לייענען און אַביסל אַריינגעלייענט און איר פאַראינ־טערעסירט מיך...

אייער מיט בעסטע גרוסן **ש. ד. זינגער**

איך האָב איבערגעלייענט אייערע לידער־ביכער. מיר דוכט, אין אייער לידער־בוך „דואַליזם" האָט איר אויסגעדריקט אויף אַ פּאָעטישן אופן אייער וועלט־באַנעם, און מיר געפעלט גראָד דאָס, וואָס איר זייט אַריגינעל אין אייער לעבנס־בליק. איר זייט זאַט און אַפילו איבערגעזעטיקט פון קולטור — און דאָס מערקט זיך אין אייער צייטשריפט „ליטעראַרישע העפטן".

אייער **מרדכי גאָטפריד** (תל־אביב)

חשובער ב. דיימנאַדשטיין:

אַ טייערן דאַנק פאַרן בוך „דואַליזם".

איך האָב געלייענט און הנאה געהאַט.

אַ פיינער פאָלקסטימלעכער טאָן גיין שפּילנדיק אַדורך אין די מערסטע לידער. מ'זעט ווי דער דיכטער וויל נישט פאַרבייגן דעם אמת צוליב מאָדערנע וויל־קלאַנגען.

דערווייל ווינטש איך אייך מזל והצלחה אייער נייעם בוך,

אייער **זעליק דאָרפמאַן**

ליבער ב. דיימאַנדשטיין, שלום וברכה:

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר אייער טייערע און חשובע מתנה — אייער ספר "דואליזם".

איך האָב געלייענט אַ צאָל פון אייערע לידער, און הנאה געהאַט פון זיי. אייערע פּרעכטיקע בילדער ברענגען אַריין יום־טובדיקייט. מאַלעריי און פּאָעזיע שאַפן — אַ וואונדערלעכע קאָמבינאַציע.

מיר ווינטשן אייך אַ סך שעפערישע יאָרן און נחת און גליק,

אייער **נפתלי קראַוויץ** (רעדאַקטאָר „אונדזער וועג")

זייער חשובער קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין:

איך באַשטעטיק מיט דאַנק, אַז איך האָב דערהאַלטן אייער לידער־זאַמלונג "דואַליזם". שיין אַרויסגעגעבן מיט געשמאַק און גוט.

איך ווינטש אייך הצלחה, מיינע בעסטע גרוסן און בעסטע ברכות.

אייער **ירחמיאל בריקס**.

מאַי, דעם 30טן 1959

כבוד ר׳ ברוך דיימאַנרשטיין:

אַ שיינעם און אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר דער ווירדיקער מתנה — „דואַליזם".

איבערגעלייענט פון טאַוול צו טאַוול, און באמת געהאַט גרויס נחת רוח.

אין אייניקע לידער האָב איך באַמערקט צער — אייער אייגענעם צער... און דאָס האָט מיך באַאומרואיקט.

מיט עטישן גרוס, אייער חבר און קאָלעגע,

בצלאל פאַרגמאַן

סעפּטעמבער 1, 1959

השובער קאָלעגע ב. דיימאַנדשטיין:

אַ האַרציקן דאַנק פאַר די מתנה — אייער בוך „דואַליזם". אויסערגעוויינלעך שיין אַרויסגעגעבן, געשמאַק. האָב לאַנג זיך געוואָלט באַקענען מיט אייערע שאַפונגען. ס׳איז דאָ פיינע לידער. די „ליטעראַרישע העפטן" לייען איך תמיד.

מיט פריינטשאַפט, אייער

א. פערעלמוטער

חשובער פריינט ב. דיימאַנדשטיין:

איך האָב דערהאַלטן אייערע לידער־זאַמלונג „דואַליזם". איך דאַנק האַרציק. — כוועל זיי לייענען.

מיט רעספּעקט שיע שענענבוים

אבא גארדין ז"ל

ע ל ע ג י ע

(מיין אינטימסטער פריינט)

פויגל, זינגט נישט היינט, זייט שטיל!
פאַרוואָלקן זיך, הימל בלויער;
טייבעלעך הערט אויף צו וואָרקען —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

זון, וואַרעם נישט מיט מילדע שטראַלן.
טייכל, פליס נישט שטיל, דורך טורעם טויער,
נאָר וואַרף זיך מיט אַ שטורעם וואָיען, —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

רוישט נישט גאַסן מיט פריילעך לעבן,
אַלץ אין מיינע אויגן היינט איז גרויער;
עלעגיע, מוזיקאַנטן — רייסט די סטרונעס —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

יעדער זוכט, וואָס מערער אַריינצוכאַפּן:
אייער האָוען איך באַדויער;
ס'איז אַלץ הבל, הבל־הבלים —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

ס'האָט היינט אַ שטערן זיך אויסגעלאָשן.
נאָר זאָגן קאָן מען ס'איז — אַ זון — געטרויער...
יאָ, ער, בן־עולם־הבא —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

דער מוח גיט מיר נישט קיין רו,
אין בויך עס גריזשעט דער מאָגן זויער...
אַלע, אַלע פריינט פון אים —
טרויערט מיט מיר היינט מיין טרויער.

---

* נאָך שרייבן דאָס ליד האָט מען מיך צוגענומען אין בית־חולים, מיט אַ בלוט־שטורץ פון מאָגן.

דא ווו איך בין,
בין באַדערפטיק פּאַרט

ניט פאַר גרויסקייט אָדער כבוד, אָדער רום,
ניט פאַר פּוסטע ווערטער אין מיין וועג,
ניט פאַר רייכטום אָדער אַ גרויסן נאָמען
וואָלט איך פאַרשווענדט אַ טייל פון מיינע טעג;

נאָר צו טאָן וואָס ס׳דוכט זיך מיר
איז מיין פליכט דאָ אויף דער ערד.
אין באַדינען כ׳וועל פּרובירן טאָן
די מתנה פון געבורט צו זיין ווערט.

פאַר אַ געוויסן ציל בין איך געקומען;
וואָס איך ווייס ניט, ווייס איך ניט פאַר וואָס.
פאַר שווערע מלאכה בין איך געבאָרן;
באַדאַרפט אויף דער ערד טאָן אונטן דאָס.

דערפאַר טאַפּ איך ווי אַ בלינדער,
גיי טעגלעך פאָרווערטס צו מיין אָרט;
איך קאָן האָפן; און נאָר גלויבן
דאָ, ווו איך בין, בין באַדערפיק פּאָרט.

און מיט תפילה

איך לערן זיך פון שלעכטן צו זיין גוט;
פון בייזן צו האָבן געדולד,
פון שוואַכלינג צו טרעטן מיט מוט —
צו דערקענען ווער ס׳רעדט מיט אומשולד.

איך וועל זינגען ווי מיין שכל מיך פירט
פלעכטן די פערזן מיט זין;
„אויב איך ווער פון וואָס אינספּערירט,
די טענוג פון ליד דאַן דערפיל.

דאַן זעטיק מיין האַרץ מיט אַ טרער.
עס שלאָגט מיר די בלוט אַזש אין קאָפּ;
ווי מלאכים וואָלט זינגען איך הער
מיט תפילה, שפּילט ריטם און טראָפּ.

די אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל*)

(איבערגעזעצט פון מיין ענגליש בוך „יאָקל מלמד״)

אין געדאַנק בליק איך ווי וויט איבערן ים די לאַנד פון ישראל ליגט,
פאַר וועלכע מיינע ברידער האָבן טיף געבענקט, טויזנטער יאָרן, געזיפצט, געוויינט,
די געבענטשטע ערד וואָס די נביאים האָבן באַטראָטן און געלערנט דעם אמתן וועג
אַקעגן דאָס פאַלן פון ציון געוואָרנט פאַר שלעכטקייט מיטן „שוואַרצן וואָרט״.
מיט טויזנט פאַרפיומען געאָטעמט די ערד פון ירדן־טייך דאָרט;
מיין האַרץ און לויב צום הימל זינגט, הגם מיט ציטער איז מיין שטים.
ווי טייער קלינגט די פשוטע ווערטער, „דו ביזט מיינע, מיין אמת־אייגענע;
מיין לאַנד, גרינג איז האַרטסטע ערד, און זיס דאָס ברויט וואָס האָב געזייט;
וואו דאָס קלענסטע ביסל די העכסטע ווערט. פון נידעריק דערלאַנגסטו דעם העכסטן דאָרן,

מיר, יידן, צווישן נאַציאָנען האָבן זיך דערהויבן: — אַ גלייכער פרייער מענטש!
קיין זיסערן טעם דאָס קינד ווייס ווי מוטערס מילך דאָס זויגט;
יאָ, זיסער נאָך דאָס טרויבן צו אים ווען פון זיין אייגן וויינשטאָק פליקט.
מיט פיאָנערישן כוח, און מיינס, מיינע פאָלקס־זין זיך שטעלן קעגן דערנידעריקן,
מיט ערנסטקייט די פאַרלאָזטע ערד אָפגערייניקט די שטיינער און די וואָרצלען;
פאַרפעסטע קראַנקע בלאָטעס אויסגעטריקנט, יונגע מענער און זייערע ווייבער,
אַ פלאַץ פאַרגרייט וואו „טויטע טרוקענע ביינער״ וועלן אפשר ווידער אויפלעבן?...
ווען טויט האָט געוועלטיקט: איצט די פעלדער גרין, וואו סטאַדעס עסן,
וואו מעקענדיקע שעפסן און שפרינגענדיקע ציגן זייערע יונגע דערציען.
ווען יונג און אַלט זייערע פלייצעס לייען צו אומדרייען קאַריק דעם גורלס־ראָד.
און אַנדערע וואָס גייען נאָך דעם אָקס גייענדיקן אַקער, און אַנדערע דעם מאָסט פון דעם שיף.

אמת אַ ווינקל, נאָר, אַ פּאָס פון לאַנד... דאָך זיס ווייל ס׳איז מיינע;
אַן אָפּרו־מקום, פאַר מידע פיס, אַ בעט פאַר מידע ביינער;
אַ הימל פאַרן וואַנדערן ייד, צום סוף, איבער גאָטס ערד,
צו בויען, צו פלאַנצן און צו אויפטאָן, צו דערוואַרימען זיין אייגן האַרץ.
אַן אַלטער בענקען צופרידן צו שטעלן, אַן אַלטן חלום זאָל מקוים ווערן
דאָס ישראל איבערבלייב, צושפּרייט, צוזייט זאָל ווידער בויען זיין לאַנד.
אוי ווי זיס די קאָרן־בלומען צו באַקוקן, און צייטיק פון דערוואַקסן;
מיר בויען אויפן אַלטן פונדאַמענט—שטאַרק;... אויף גערעכטיקייט און פאַרשטאַנד;
אַלט ציון שטאָלץ אויפלעבן, אויפצובויען די פאַרגאַנגענהייט...
ווען דוד האָט געזונגען זיינע הימלישע געזאַנגען, באַגלייט פון האַרף,
און סאָלאָמאָן זיינע קלוגע לידער, וועלכער קיינער קאָן ניט פאַרגלייכן זיין שיינהייט.
ווען ס׳האָט געבלומט די הויז פון ישראל מיט שטענדיקן לערנען שאַרף,
וואָס פליסט ווי לעבעדיקע וואַסער וויַיט, ווי ס׳טוט דער ניל פון תמיד וואַרפט.

מיין פאָלקס־יוגנט, ווי וועכטער וואַכן אין זייער שטעלונג — אַ וואַנט! —
זייער לאַנד צו באַשיצן; זייער היים צו בויען און זייער צוריקקער־לאַנד.
קיין פיראַטן זאָל ניט וואַגן צו באַפאַלן; צו טראָגן מיט זיך זייער רויב,
זיך קעגנשטעלן חוצפה און מאַכט, און אַלע באַפאַלער פאַרניכטן.
מיין אייגן איז דער דאַך; מיין אייגן איז דער וואָגן; די קליידער נייען מיינע הענט,
די שיך איך מאַך, די ערד האָב אויפגעגראָבן, די קערנער האָב אַליין צעשפּרייט.
די סירענען פון אונדזערע פאַבריקן, דער שופר בלאָזט מיט פרייט.
צו וועקן דעם תחית־המתים פון מיין ראַסע גאָר די וועלט זאָל דאָס וויסן;
מיר קעמפן פאַר לעבן, פאַר פרייהייט, ברויט. אַקעגן אומרעכט און פרעמדן אַריינמיש:
פאַר היים, פאַר פרייהייט, פאַרברידערונג. אין וועלכן אונדזער יוגנט וועט גלויבן...
מיר האָבן אונדזער פלאַג, צעשפּרייט און הויך, אונדזערע סימבאָלן — ווייס און בלאָ.
וואָס שטייט פאַר מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט, פאַר אַלץ, וואָס גוט און אמת.
מיר באַגריסן און בענטשן מיט גליקלעכע טרערן דאָס הייליקע געזעץ—צום העכסטן,
פאַר לעבן, פאַר היים, פאַר פרייהייט, פאַר אַ ליכט בלאָען הימל, לעבן שטיל;
אונדזער ערד איז פאַרפאַרטיקט, אונדזער קאָמפּאַס צילט צו אונדזער הויכן ציל —
צום לעבן אין שטאָלץ פון מענטש... דאָס הייליקע פונקט — די נשמה.
אונדזער ציל — אישאַעס הייכן חלום פאַרן מענטש צו פאַרשטיין,
דאָס אַלע פעלקער אויף דער ערד, וועט באַלייכטן אונדזער חכמה...

1950

פאַר דער דאַזיקער פּאָעמע האָט מיר דער „פּאָפּ" צוגעשיקט אַ לויב־בריוו
מיט אַ דאַנק, פאַר שיקן אים צוויי ביכער: דעם „נביא" און „יאַקל מלמד".

פאַרזען

יענער מענטש, איז אַ גוטער, וואָס פּלאָגט זיך אָן,
באַקוועמלעכקייט צו זיין קליינער אָרעמקייט
וועלכער זוכט זיין היים צום סוף פון טאָג
אין זיין שאָטן, איז צופרידן אין זיין וואַרימקייט.

אויב קינדער אַרום שפּרינגען אויפגעפלאַמטע,
אַרום אים שמייכלט אַ געדולדיקע ווייב;
אַ בעסערער מענטש דאַרף ער מער ניט זיין,
ער האָט דעם זיסטן גליק פון לעבנסגליק.

אין ערן־וועג? איז ער צופרידן צו שפּאַנען,
אויב ער האָט געטאָן דאָס בעסטע וואָס ער קאָן;
תמיד קאָן ער פאַרדינען זיין טעגלעך ברויט
הגם, פאַרזעט מען פאַר לויב, פאַר זיין גוטעס וואָס ער האָט געטאָן?

1930.

ווינטערדיקע פארלאנגען

איך באַטרויער די ליפּן פון נעכטן,
ליפּן וועמעס קושן זיינען נאָך נישט געבוירן,
דער אַלטער פאַרלאַנג איז אויסגעמאַטערט,
אונטער טרויער לאַנג פאַרלאָרן.

תמיד רעגן אויף דעם ווייטן הימלס־אונטערשלאַק;
תמיד שניי אויף ברעגן יאָגן,
ווייל ביי דער פאַריגלטער טויער פון טרוימען
קריכנדע וועלף אין די גראָזן קלאָגן;

מיין איינגעקאָרטשעטע נשמה בליק איך:
מיט פאַרוואָלקנדטע אויגן זוך איך די פאַרגאַנגענהייט,
גאָר צו־להכעיס בלוט־שרעק
פון שעפסן וואָס שטאַרבן אין ווינטערדיקער ווייט.

נאָר די לבנה אירע טרויער פייערן
צינדן־זיך־אָן, אין אַ באַזונדער ליכט
פאַלט ווו דער הערבסט פראָסט איז ווייס
איבער מיין פאַרהונגערטן פאַרלאַנג־געזיכט.

די יוגנט אויפגעוועקט

עס ליגט אין שיפלאָדן אַן אַרכיוו,
צי וועל איך זיי אין טאָוולען ווען זען?
עס וואַקסן יאָרן און די אויגן ווערן טונקל: —
ניט שבתדיק מיין לעבן איז געווען.

מוח, שטיקער, מאַרך פון ביינער,
מיט בלוט פון האַרץ האָב איך זיי באַפּאַרבט;
האָב מיט קריץ געשאַרפט די ציינער,
מיט שלאָפלאָז, פאַר מיין ליד, האָב ניט געקאַרגט.

פאַרגעניגן האָב זיך ניט פאַרגונען.
אין איינזאַמקייט האָב וועלטן שטיל געבויט:
ליד נאָך ליד, תמיד נאָר געשפונען —
האַרץ זיך אויסגערעדט; אין וואָרט געטרויט.

די יוגנט אויפגעוועקט אין זכרון;
די קינדערישע חלומות ווידער אויפגעלעבט;
ווי אַ טייך געפלאָסן איז די יאָרן —
ביז גרויען עלטער זיך פאַרוועפּט...

די ווייסע פויגל

שטאָלץ אַנאונטערשייד, רואיק, זיינען זיי געפלויגן, זיינען אַוועקגעפלויגן,
די פּאַוועס ווייס ווי שניי, די לעצטע אויסגעמאַטערטע מונטערן זיך,
איך זע די פויגל פון שניי, די ווייסע פויגל פון היינט.
די פויגל וואָס זיינען אַוועקגעפלויגן איידער מיין דרימל האָט דערוואַכט מיך.

שטאָלץ אָן אונטערשייד, רואיק, די ווייסע טויבן פון היינט,
געווינען מיט שוואַכן־פליען צום ברעג פון דער זון אונטערגייענדיקער, טייך ;
די פויגל זאַרגלאָז פון טראַכטן איך הער זיי אויף זייער וועג ;
נאַכלעסיק וואַרטן פון זונלאָזן־טאָג זאָל אויפגיין גלייך.

מיין וועג צו פרידן

דער וועג צו פרידן זוכט מיין טראָט,
זיינע באַמיסטיקע־זוימען איז גרין,
די הימלען לייכטן איבער אונדז:
אַ שאָטנדיקן ווינקל געפין.

און דעם פּראַצערס ריינע האַרץ,
שפּאַנט אַ היים צום סוף טאָג,
און אויף אַ טומלדיקן וועגל
די קליינע קינדער שפּילן ; טאַטעס, מאַמעס פאַרמאָג.

קיין באַהאַלטענער פיינט זוכט ניט צו טויטן,
קיין סאָלדאַט האָט נישט זיין פּאָסטן.
זייערע מענער, זייערע גערטנלעך באַאַרבעטן
אויך נישט געטראַכט פון גרויזאַמען־גורלס קאָסטן.

זיין מוזיק איז דער פּשוטער געזאַנג
צופרידנקייט, רחבות׳דיק, תמיד זינגט
ווען אַלע שלעכטקייטן, איז גאָר קליינע שלעכטס,
און יעדער בירגער קיניגט.

דעם וועג צו פרידן זוכט מיין טראָט
יוען גלויבן און האָפן ווערט אָפּגעהיט,
ווען מוטערס ניט באַוויינען דערמאָרדעטע טויטע,
און ווייבערישע שמייכלענדע אויגן צעגליט.

יוען ליבע און פרייליכקייט דערוואַרט
די מענער ביים סוף פון טאָג,
און וואו, פאַרזיכערט פון גייץ אָדער האָס,
און קליינע קינדער שפּילן, טאַטעס, מאַמעס פאַרמאָג...

זארגלאז

איך זינג די בלאַסע באַלאַדע פון אַלטקייט,
פון קושן פאַרלאָרענע צו באַהאַלטן,
אוי, אויף ליבעס עולם־הזה׳דיקע אַנערקענטע,
די בליטן פון די קראַנקע צו באַהאַלטן.

שטימען אויפגעבלאָזענע מיט פאַרשלאָפענע קלאַנגען:
זאָרגלאָזע, זיי זאַמלען אַרום זיך, מען הערט.
ליליען בלומען און נאָאונט ווי
שטערן, אָדער זון, האָט געבענטשט די ערד.

אוי, די דאָזיקע גייסטער פון אַלטן פאַרלאַנג,
די דאָזיקע הינטערשטעליקע קלאַפּן, שרייען,
זיינען ווי בעטלער, אין אַ פּאַלאַץ פאַרלאָרענע,
קראַנקע וואַקסליכט — מאָרגנשטערן פייער.

ווען זאָל די לבנה מיין פאַרשטעלונג וואַשן,
וואָס זוכט צו בלומבירן די אייביקע שטרצ,מען
פון פינצטערניש, און וועגן מיינע טרוימען
אירע לאַנגזאַמע הימל־בלויען הייגען ווי פאַנען.

די עלטער

די עלטער, ווי אַ סטרונע פאַר פלאַצן,
דער לעצטער סקריפּ — און אויס:
ווער קאָן די עלטער אָפּשאַצן,
זיין לעצטער שפּאַן — ווי גרויס.

איך בין גרייט! כאָטש גליק האָט פאַרפעלט מיר,
הגם איך גיי נאָך שטום אַקעגן;
אימעצער האָט מיין לעבן פאַרשעלט מיר,
מיט שטיינער פאַרלייגט אַלע וועגן.

קיין בלום, קיין געזאַנג האָט געגערט מיר:
תמיד פאַראייננזאַמט און אַליין —
מסתמא האָט גאָט באַשערט מיר,
זיין עלנט אַזוי ווי אַ שטיין.

איז טאַקע גוט, וואָס איין אויג קאָן נאָך בליקן
און די מוזע שיינקט נאָך געדאַנק.
איך קאָן נאָך אַ שיין וואָרט אויספיקן
מיט גראַם, מיט ריטם, מיט קלאַנג...

א תפילה פון אן אלטן פאעט

זיינע בלאָנדע האָר האָט צייט צו זילבער געביטן;
צייט צו פלינק, פלינקייט הערט קיינמאָל אויף!
זיין יוגנט אָקעגן צייט, זיין עלטער האָט קיין מאָל ניט צו טראָטן,
נאָר פאַרשווענדט אין גיוועץ; יוגנט ווערט קירצער אין זיין לויף:
שיינקייט, כוח, יוגנט, זיינען בלומען, דאָך פאַרדאַרבן זיי;
פליכט, גלויבן, ליבע, זיינען וואָרצלען, קיין מאָל גרין אין זיין הויף.

זיין קאָפּ־יאַרמלקע זאָל איצט מאַכן אַ נעסט פאַר בינען;
פאַרליבטע סאָנעטן האָט ער פאַרביטן פאַר קאַפּיטלעך תהילים,
אַ מענטש ביי זיין פען, מוז תפילה טאָן ביים עמוד,
פאַסטן מיט תפילות; איצט אין טלית און תפילין;
נאָר דאָך פון רחבות, צו אַן איינזאַמען ווינקל,
זיין ערלעכקייט איז פאַרזיכערט, זיין אומבאַפלעקטע האַרץ שטילן...

ווען אַ פאַרביטערטער זיצט אין זיין איינזאַמען צימער,
פילט ער פאַרבייטן זיינע אַלטע תפילות, פאַר אַ פאָלקס־ליד:
„געבענטשט איז די האַרץ, מיין אויסוויל איז ליידן,
פאַרפלוכט זיי נשמה, וואָס דיינקט ביטערניש אין מיין ליד:"
גאָט, דערלויב אין מיין עלטער, גיב מיר די רעכט,
צו זיין איינער פאַר די תפילות; כ'בין אָן פאות ייד!... 1961.

די אויסגעמאַטערטע יאַגעניש

מיין נשמה איז קראַנק, אין שלעכטן מוט;
באַפאַלן מיט אַסך באַדערפעניש ליגט
באַפאַלן מיט שווייגן, און מיינע אויגן
באַלייכטן דאָס מיט זייער מידקייט וויגט.

אָפּגעשטעלט דאָס זעאונג פון דעם טרייבן
דריקט מיך; דערמאָנונג שמייסט זיי ווייטער;
די בלוט־הינט פון פאַרלאַנגען זיינען אַוועק
אויף דעם פאַרשווונדענעם כוח — אַן אויסגעמאַטערטע ראָסע־רייטער.

אין טומאַנע וועלדער דער יאָג האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן;
אין זייער אָפּמאַך טרעפן זיך פון חלומות צעשווימט;
אַקעגן פון די פאַלשע געשטעל פון פאַלשע שיסער
די פאַראורטיילטע מיט פייל און בויגן — שימט...

ע, מיין פאַרלאַנג! פאַר לופט חלש איך!
די אויסגעמאַטערטע אומעטיקייט פון מיינע אויגן,
האָבן זיך פאַרוואָלקנט מיט זייער הימל־בלוי זעאונג,
מיין נשמה, די שווימענדיקע לבנה־בויגן.

בראָוו גיין ווייטער

די מערסטע באַקוועמלעכע געפילן,
וואָס קאָן האָבן די ברוסט;
ווען די שוואַרצע נאַכט גנבה'עט זיך אַריין,
איבער טעג, וואָס ברייענגט פאַרדרוס.

ער איז געקרייענקט פון ווייטיק,
ער דענקט, זיין געזונט איז אַוועק,
איז גוט צופרידנקייט, און אַ וואַרים האַנט דריקן
פון אַ פריינט צו אַנשפּאַרן זיך אין וועג.

זאָל אַ מיליאָן פרעמדע ניט טרויען מיר,
איך קאָן אַ באַרשטאָן אַ טרער;
זאָלן הונדערטער לאַכן און חוזק מאַכן;
זאָגן ביטערע זאַכן, איך הער.

מיין גאַנג, זיך אָפּזאָגן צו בייטן;
בראַוו גיין ווייטער מיט מיין שטים;
אויב איך ווייס, אַז איך זאַאיקע —
איך האָב אַ פריינט צו לערנען פון אים.

דורך זיי פיל מאל

עס ברענט ווי פייער אינעווייניק טיף:
ווער זשע ווייס, ווער האָט באַגריף?
עס פוילט דער וואָרצל — איך דער בוים;
אַוועק דער שלאָף — אַוועק דער טרוים.
אַוועק דער האָפן — איך בין גרייט;
איך האָב נישט מורא פאַרן טויט...
איך האָב געלעבט שוין — יאָרן פיל.
הגם נישט דערגרייכט, האָב איך מיין ציל...
טאָ וואַרט טויט, אַביסל לייגער צו,
כ'וועל נישט פאַרזאַמען — די קבר רו!...
און אויך וועסט ניט פאַרזאַמען מיר:
ווייסט מיין טראָט — ווייסט מיין טיר.
טאָ וואָס דער געאייל? — איך בין דאָך דיין;
איך פאַרמאָג נאָך פייער, מיט וואַרעם שיין...
מחשבות רייכע — מיט חכמה — געוויכט...
די ווערטער די שוואַרצע, לייכטן ווי ליכט...
לאָז מיך אויסלאָדן זיי, פאַר דער שלעכטער וועלט,
ווו יעדער קניעט, פאַר כבוד און געלט!...
נעם צו די שלעכטע, וואָס מאַכט לעבן שווער —
דורך זיי פיל מאָל — האָט געשמאַרצט מיין טרער...

אַך, די עלטער

נישטאָ מער די פּערלדיקע גלייכע שורות,
די פינגער, זיי ציטערן ווי פון קעלט:
אַך, די פינגער, וואָס האָבן געהאַט די גבורות;
איצט אַ פעדער־כח האַלטן פעלט...

אין יוגנט: עס פיבערט צו דער זינען.
ווי פלינק דער מוח האָט געבליצט:
אַ גראַם, ווי גיך איך פלעג געפינען;
אַ ליד אַרויס, ווי אויסגעקריצט.

די מוזע האָט מיך נישט פאַרלאָזן,
די עלטער האַלט זיין לאַפּע אויף מיין פלייצע:
די האָר ווי אויסגעטריקנט גראָזן —
נישטאָ קיין ענטפער; נישטאָ קיין עצה!...

אין שטיל, אַליין, איך דאַרף זיך נישט פאַרשעמען,
נאָר אין ריידן פעלט מיר תמיד אויס דאָס וואָרט,
פאַרגעס איך ווערטער; פאַרגעס איך נעמען —
אגב אין שרייבן גייט אַלץ אין אָרט...

קיין פאַרטראַג קאָן איך נישט אויסהאַלטן
שלינג אַ פולן מויל מיט וואָרט:
די ווערטער האַלטן זיך באַהאַלטן —
ליגן אונטער צונג מיר, דאָרט.

איך בלייב צעטומלט, איך שטיי פאַרשעמט,
זאָאיקע, הגם כ'בין דאָס נישט!
אַזוי ווי אַן אומוויסנדער — פאַרשעמטער —
שטיי ווי אַ באַליידיקטער — אין מיט.

קיין מאל געפינען ניט

אַלע איר וואָס ליבלעכע ליבן זיך,
טוט תפילה פאַר מיר;
איר, דאָ קומען מיר — צושפּרייטע, פאַרזייטע,
זייען זיסע פירות פון ליבע;
אין דיין זיסן האַרץ; גוט ווערט, דאָס פאַרגייטע!

אָ דאָ קומען מיר שניטצייט, שניטצייט,
צו רייסן אונדזער צייטיק פרוכט!
די דאָזיקע דערוואַרטעטע סיזאָנען, — רייט —
קיין מאָל געפינען נישט, וואָס מיר האָבן געזוכט!

1950.

אין אומעטיקע שעהן

אין אומעטיקע שעהן צעפלאַמט אין מיר ווערטער
און שפרינגען אַנטקעגן ווי פייער־פליגעלעך:
אַט דאָ און אַט דאָרטן, ווי פון באַהאַלטענע ערטער,
ניט פליען, באַר שפרינגען ווי ציגעלעך.

און ס׳שטעלן זיך ווערטער, ווי סאַלדאַטן אין שורות.
זיך וועבן אין רינגען און זיך בילדן אין קייטן
און גייען אין רייען, ווי העלדן, מיט גבורות,
און ס׳רוקן זיך פערזן איינס צו אַ צווייטן.

און ס׳וועבן זיך אויסעט סטראָפן און לידער
און לייכט אויף אין מח און ס׳מויערט
אַזוי ווי אין טראַכט פון דער מוטער — וואַקסן אויס גלידער
און אַט איז אַ ליד — ניט לאַנג האָט געדויערט...

בלינק ווערן לידער, ווען האַרץ איז פאַרביטערט
ווען אין האַנט ציטערט די פעדער און סקריבלט:
דאַן קומען געדאַנקען, ווי אַ פויגעלע פליטערט —
איך דאַרף זיי ניט זוכן — גרינג — ניט געגריבלט...

דערפאַר מיינע לידער, פול צאָרן און ביטער;
איך רייס זיי פון האַרצן פון פולסיק טיק־טאַק
און שיק מיינע ווערטער — ווי פיילן — אַ ריטער
און טראָג קעגן פיינט — אַ פאַרשאָלטן — קולאַק...

פרעג נישט פארוואס

פרעג ניט פאַרוואָס כ׳בין פאַרביטערט, פאַרצאַרנט,
פאַרפרעמדט זיך אין איינזאַמקייט תמיד אַליין;
אַזוי ווי איך וואָלט אין גאַנג זיך פאַרלאָרנט —
אַזוי ווי אַ יתום זוכט אַ היים מיט געוויין.

מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט, ס׳נאָגט מיט האַס!
ס׳האָט ווי אַ פייער געבראָטן מיין לייב;
אַ יעדער קראַליק, ווי אַ לייב שפּאַנט אין גאַס,
האַלט ראָש פאַרריסן, און שפּאַסן נאָך טרייבט.

טאָ פרעגט ניט וואָרום כ׳מייד יעדן אויס
און גיי מיר מיין איינזאַמען וועג;
ווייל מיין אומעט איז גרויס
און כמאַרנע די טעג...

זאַלציקע טרערן

די בלויע טעג, פון יוגנט־פרייד, איז לאַנג אַוועק.
דער גרויער שאָטן האָט אַ וואַנט געשטעלט
אין גאַנצן גאָר. די אויגן זעען נאָר אַ פלעק
און פון יענע בלויע טעג מער נישט העלט.

דערמאָנונג, וויגט זיך, ווי אַ האָר אין ווינט.
אַזוי ווי אַ חלום, וואָס פאַרגעסט זיך גיך.
ווי אַ פריידיק טרער, וואָס טרוקנט גיך — פאַרשווינדט
דערמאָנונג: יוגנט; ווי קאָן מען פאַרגעסן דיך?!

די האָריזאָנטן העלע, בלויע, מיט רויטן פאַרב באַפרענצט,
שניידן דורך ווי אַ סינעמא פאַר די אויגן פלינק
און קאַלט ווערט מיר, אָן בלעטער, ריטער מיך באַקרענצט —
זאַלציקע טרערן. כלינע אין זיך און טרינק...

פון קינדערווייז אָן

אויף טראָפנס טוי האָב איך געטראָטן
און געקילט מיין הייסע בלוט;
האָב מיט זיך אַליין געוועטן,
אַז היינט מיין ליד וועט געראָטן גוט.

האָב געפיילט, געפוצט די לידער.
אויסגעשייערט זיי ווי שבתדיקע לייכטער
האָב די זילבן געציילט, ווידער, ווידער —
דערזען זיי שיינען — מיט אַן אויג אַ פייכטער.

האָט מיין געוועט ־מיט זיך) געוואונען
און רייץ — מיט זיך אַליין;
צו ליב דעם געוועט, האָב איך אויסגעפונען,
אַז איך פאַרמאָג — אַ דימענטשטיין...

אויף טראָפנס טוי

איך האָב שוין לאַנג געוואוסט
אַזוי וועט זיין
מיין גורל, און מיין וועלט,
דורך שווערן פיין...

פון קינדערווייז אָן איז מיר באַשערט
צו יאָכן און צו ליידן:
תמיד ווי אַ פערד אין שפּאַן
פון שיקזאַל נישט אויסצומיידן.

הויקערט דאָס שווערער וואָג־יאָך;
מיין מזל קאַלט איז — בייז:
כ'ווייס, אַז קומען וועט אַ טאָג נאָך
און פון אַלץ מיך באַפרייען לייז...

שטייענדע שעהן

דאָ זיינען די אַלטע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אַוועק,
די חלומות פון אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס שטאַרבן,
די טרוימען וואָס פאַרשווינדן, די ניט דערגרייכטע, אוי!
און דאָרטן די טעג פון האָפנונגען פאַרדאַרבן!

ווו צו פליען זאָלן מיר געפינען אַ מקום?
קיינמאָל קיין שטערן־שטראַל, פריער אָדער שפּעטער,
אויסגעמאַטערטע נאָר מיט אַ פאַרפראָרן פנים,
און יילעכער פון בלאָ אין דעם פאַרפראָרענעם וועטער.

אַריבער די קראַנקע קעלט, און זע!
כליפּענדע קרבנות, די נעגל גלעט!
שעהן וועמענס פּאַשע איז נאָר שניי!
האָב רחמנות אויף זיי אַלעמען, אָ גאָט, מיין געבעט!

פאַר מיר, איך וואַרט אַן אויפגעוועקטן רוף:
איך בעט דאָס דרעמלען לאָז מיין נשמה.
איך וואַרט ביז די זון גייט אַרונטער
אויף הענט פאַרפראָרענע פון דער לבנה.

לעבן איז א ליד

לעבן איז אַ ליד,
פול מיט פאַרגעניגן פול מיט צופרידנקייט;
אַ מישמאַש פון שלעכטס,
אַ צוזאַמענמיש פון ביטערקייט.

לעבן האָט זיינע וויטיקן
און זיינע סיזאָנען פון פאַרגעניגן;
ביידע, זונשיין און רעגן
מוז זיין אַ הויפן, אין מאָס זיך וויגן.

לעבן איז אַ ליד,
מיט זיינע ליידן און ווייען;
פאַר די שוואַכע און שטאַרקע,
דאָרטן איז תמיד רו פאַר צווייען.

לעבן איז אַ ליד,
און ליבע לשון איז שלום.
נאָך אַ טעות;
ליבע קומט ווי אַ חלום.

איך בין מתחייב בנפשו

...חיב בנפשו,
...ז געגלויבט;
...פגענומען מיט דברים־שבלב —
...ט זיי דאָס לעצטע ביסן ברויט.

... זיך אָנטאָן אין בגדי משי
...יט אָנגעפילט בהמיות:
איך אַליין בין בינוני —
זוך קיינעם נישט פאַרשאַפן קיין רשעות.

ווער ס'האָט געצויגן זיין יד
האָב זי געפילט מיט מיין נדבה.
ווען אין קעשענע האָט געווינט — דלות
האָב איך געגעבן באהבה.

זיי האָבן געגעסן מיין לחם ומלח,
געטרונקען מיין יין — לחיים,
און ווען די נויט האָט מיך געוואָרגן
האָט מען ניט אָנגעבאָטן אַביסל הייסע מיים.

איך בין מתחייב בנפשו.
איך האָב מענטשן געטרויט;
מיין שולחן איז געווען פאַר אַלעמען געגרייט —
תמיד מיט אַלעמען געטיילט מיין ברויט.

ווינטער

נעכטן ביינאַכט איז געקומען דער שניי אין שטאָט.
אָנגעטאָן דעם יעלאָוון־בוים אין אַ זילבערנעם מאַנטל.
אייניקע אויסגראַווירט אין זיין היילן געיעג
געפאַלן און זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ יאַגעדע־קוסט.

די זון איז אַרויס, מיט גרויסע צופרידנקייט
געוואָרפן שוואַרצע שאָטנס אויף אַ ווייסן פעלד־שילד,
אויב ניט אַזוי אָפטן, נאָר אַ יאָר נעמט עס
אַ ביטונג אין פאַסאָן פון אַ שוואַרצן בילד.

די קינדערלעך זיינען געלאָפן צום שויב צו זען
די שיינע אוזארן און געטאַנצט פון געשטאַלט,
נאָר די עלטערע האָבן זיך געטרייסלט און געזאָגט:
ווי לאַנג דוכט איז דער ווינטער ווען דו ביזט אַלט!...

מיידעלע יתומהלע

מיידעלע, יתומהלע, שפראַצונג פון מיין פּאָך
דורך אַ נס ביזסטו אַדורך דעם סמ׳איק אויר
דורך דער משוגע־צייט, וואָס וועלט געווע
אין אַ קבר־קעלער, געלעגן, אָן לופט, אָן זון.

דיינע אויגעלעך טראָגן שרעק און אומצוטרויע,
אַ שווייגן־בליק, מיט ציטערדיקן צוריקטרעט;
אַ שמייכל פרעמד דיר, די אויגעלעך דאַך בלאָען,
וועט לאַנג אומגליק־מיראַזש טראָגן אין דיר שרעק...

„אַי מיר פּאַר דיר״, מיידעלע, יתומה׳לע — יידישע:
דיין טאַטע, מאַמע, איז אין אַש צעשפּרייט;
קוקסט אויף אַלץ אַ פאַרחידוש׳טע,
אַ צעטומלטע, אַ פאַרלאָרענע דו שטייסט...

ס׳איז דיר פרעמד, דאָס שמייכל־גליק,
שנירלט, אַמאָל, אַ שמייכעלע, דיין קליינער מויל,
פאַרדריקט מיין האַרץ ווערט פון דיין עלנטבליק
און פון דיינע אויגעלעך דער גרויל.

וועסט מסתמא פאַרגעסן דיין שרעקלעך גרויל,
נאָר ניט פאַרגעסן וועט עס עם־ישראל — ניין!...
ס׳וועט ברענען אין אונדזער זכרון, ווי אַ קנויט אָן אויל;
צאַנקענדיק, כליפּענדיק, תמיד; יידישע מאַמעס געוויין...

און דיינקלאַז

קלאָגעדיקע טעג פאַרלויפן מיין וועג
און לאָזן קיין שמייכל ניט צו צו מיין טיר.
עס קירצן מיט ווינטערדיקע קורצע טעג
און אומעטיק און קאַלט איז מיין שיר.

וויינט אין מיין האַנט, די היציקע פעדער
און זוכט צו צושמעלצן דאָס אומעטיק וואָרט
און ווינט רוישט ווי אויפן שאָסיי סקריפּענדיקע רעדער
ווי בייזע דונערן, וואָלט צוטרייסלט די וועלט.

און איכהדיק צולייגט זיך פערז און סטראָף
און יום־כיפּורדיק, פאַלן טראָפּנס שוואַרצע טרערן
און רולאַז, אויף מיין קישן ליגט מיין שלאָף
און דיינקלאַז, איז מיין מח און קלאָג־לידער — זיך קלערן.

געהאַפּט האָב איך

איך האָב אַ וועלט ליטעראַטור געלייענט
פון יעדן לאַנד און פאָלק;
נאָר ס׳גראָבט אין מיין מח נישט —
איך קאָן דערגיין קיין טאָלק.

געהאַפּט האָב איך, אַז ברייננען וועט,
סאָציאַליזם — אַ גערעכטע וועלט.
נאָר זען די גערעכטיקייט פון רוס־סאָוויעט,
באַפאַלט מיר היץ און קעלט...

אַז סטאַלין; און איצט כרושטשאָוו,
וואָס בראָקט דאָס פאָלק ווי קרויט;
וואָס לעבט, אויף שקלאַפן שוויס —
האָס פון מענטש צו מענטש, ער זייט.

עס רעדט פון גערעכטיקייט, זיין אומרעכט;
זיין צונג איז פאַלש, פאַראַט:
ס׳פאַרבלענדט די וועלט סאָוויעט,
אַז ער איז דער שיצער פון פראָלעטאַריאַט!

דעם לעץ

לאַנגע האָר, האָט צוגעדעקט זיין גרויסע הוט,
אַ הויקער־נאָז האָט ווי אַ שנאָבל גרייט צו פּיקן,
מיט אַ גזלן־אויגן, מיט טיגערס קוק;
אליין, ער, ווי אַן עוף נאָך אָפּפּליקן...

זיצט דאָס נפש אין קאַפע־רעסטאָראַן:
שנאָרקעט, שפּאַסט פון דעם און דעם.
זיין סיגאַרעטל כמאַרעט, ווי ווייסער טומאַן;
ווייַ איז יענעם, וואָס פאַלט אַריין צו אים אין קלעם.

ער האַלט פאַר דאָס קרוין זיך — אַ לאַראַלעט?
האָט אָנגעשריבן צוויי טוצן לידלעך און טאַראַראַמט
און ווי ער דער שמעקט אַ נייעם פּנים גלייך ער וועט —
אַ שטעקטאָן, אַ פינגער אין זיין זופּ, און אַ זאָגטאָן: ס׳איז באַטעמט!...

ווערט גלייך גוטברודעריש און צעשמייכלט זיינע פוילע ציין.

— — — — — — — — — — — — —

נאָר איינער, ניט קיין יאַלד, האָט דערקענט דעם לעץ,
טוט זיך אַ שטעל און זאָגט: מיר געפעלט ניט אייער חן
און שיקט אים זיינע פינגער פינף: — נאַט, אַט, פאַדלעץ!...

זיי איידל

ווען איך בין געווען אַ קליין שטיפער
האָט מיין מוטער געזאָגט צו מיר:
געדענק ווי דו דאַרפסט אויסקוקן
ווען דו גייסט אַרויס פון טיר!
זע דו זאָלסט אויסקוקן צוגעפּאַסט
צו זיין איידל ניט פאַרשעמט.

און גיי נישט שלעפנדיק די פיס
ווען דו רעדסט, זאָלסטו וויסן דעם באַטייט
זיי נישט חוצפּהדיק, און זיי נישט פאַרשעמט
האַלט זיך תמיד ריין, די האָר פאַרקעמט!

כאָטש זייער קליין, האָב זיי מקנה געווען,
ווען בין אַרויס אויף שפּאַציר,
זיך ריין געהאַלטן און געגאַנגען ווי אַ מענטש!
זיך געהאַלטן ווי אַ גרויסער — דאָפיר...
ע, ווי ווינציק איך מוז וויסן:
וויפל איך דאַרף לעבן צו לערנען געניסן.

געטראַכט, ווען איך וועל זיין אַ גרויסער
וועל איך וויסן ווי זיך צו באַגיין
גרויסע זאָגט מען נישט טו דאָס, טו דאָס,
ווי צו גיין, ווי צו האַלטן זיך ריין
גרויסע טוען וואָס זייער האַרץ געלוסט,
אַ יינגל, וואָס די מאַמע הייסט טאָן — מוזט!...

איך בין אַלטער געוואָרן און פאַרהייראַט איצט
נאָר אַלץ ווער איך אַנגעוויזן ווי
צו באַגריסן מענטשן, ווען מיר באַגעגנען
און, וואָס צו טרינקען פאַר מיין מי.
אירע לעצטע באַפעלן אַלע נאַכט
איז: זיי איידל, באַנעם זיך ניט מיט מאַכט!...

איך האב דיר אזוי געזאגט

נ אָ כ אַ מ ו נ ג

„איך האָב דיר אַזוי געזאָגט״! און איצט גייט דער געוויין
וווּ דו זאָלסט גיין, ווו דו זאָלסט שטיין;
„איך האָב דיר אַזוי געזאָגט, — איצט, האָב איך ניט״,
הייַנט איז שווער אויף אַלעמענס געמיט.

פאַראַן אַ בלום וואָס איז באַזיגבאַר פון שרעק
פאַראַן אַנדערע אין פאַרלירן פילן זיך דערשלאָגן;
שטאָלצער פון אַלעמען זייַנען די וואָס זאָגן:
„איך האָב דיר אַזוי געזאָגט״!

גרויס צופרידנקייט אין די דאָזיקע ווערטער מוז זיין,
דער צייכן, די סאַטיספאַקציע בייסנד, ווען
פון אַלע וואָס קומען צו דיר און מיר,
שווערן זיי, האָבן געזען, וואָס ניט געווען וואָס צו זען.

מענטשנס־שטאָלץ באַווייזט אין פילע וועגן,
אַריבער דאָס ווי דורכן לעבן גייסטו
שטאָלץ זאָגסטו: „איך האָב דיר אַזוי געזאָגט״!
„פונקט ווי איך האָב געזאָגט״ האָט ער אָנגעפאַנגען, ווייסטו;

איך האָב געוווּסט, דו דערמאָנסט זיך?
איך האָב דיר אַזוי געזאָגט — און — אַזוי מיט אַ הוסט;
ער האָט געזען וואָס אַנדערע האָבן דאָס ניט געזען
ער האָט געוווּסט, וואָס אַנדערע האָבן ניט געוווּסט;

וואָס וועט געשען, האָט ער געזען, ביטער,
שפּרינגט אויף צו זאָגן: „כ׳האָב דיר אַזוי געזאָגט״!
מעג עס אויסקוקן מאָדנע, נאָר ס׳איז אמת,
ווי דורך לעבן — אַ קלוגער־מאַן פאַרמאָגט.

ער זאָגט אַלעמאָל וואָס ער האָט געוווּסט,
נאָר זאָגט קיינמאָל ניט וואָס ער ווייסט.

ער וועט זיך קיין מאָל ניט וועטן פאַר קיין זאַך
די פשוט׳עסטע זאַך, ווי מיטן וויסן שטייסט;
נאָר ווען ער זעט ווי דאָס אַלץ איז אַוועק,
זאָגט ער גיך: „איך האָב דיר אַזוי געזאָגט״; ווי זיך געגרייסט!

ניטאָ קיין ייד

איך האָב געקלערט
און זיך פאַרטראַכט
און האָב וואָס געהערט
האָט זיך מיר געדאַכט;

אַ שטימע רעדט;
אַ האַנט מיך גלעט:
דאָס איז דיין מאַמע, זון.
פון מיידאַנעק איך קום
אָט ערשט פון אַש בין איך אַרויס.
שטויב, נאָר שטויב, געבליבן בלויז.

פון אָנפאַנג האָט מען מיך פאַרגאַזט.
דערנאָך מיין הויט האָט מען אָפּגעשיילט
פון דאָס ביסל פלייש האָט מען זייף געמאַכט
און די טרוקן ביינער; פאַרברענט, פאַראַשט...

מיין אַש צעשפּרייט אויף פעלדער מיסט
פון עם־ישראל איז ליידיק וויסט,
ניט מער קיין ייד; קיין פרוי, קיין קינד:
אָ, זאָג מיין זון, פאַר וועלכע זינד?
ליידיק פון יידן איז יעדע שטאָט —
ניטאָ קיין ייד, זאָל דינען גאָט!...

א ליד

מיט פודער־פאַרב וועסט ניט פאַרדעקן די קאַרבן.
די שאַרפסטע־האַק ווערט אויך פאַרטעמט;
אַלץ, וואָס ווערט געבאָרן מוז שטאַרבן;
אַלץ מוז פאַרגיין, וואָס ס׳קומט...

אַזוי ווי דער „מאָלעקול״ ברענט איבער אין זון,
וואָס קומט און פאַרגייט — קומט ווידער:
ווען איינזאַך שטאַרבט; קומט ניי פון דערפון —
נאָר תמיד וועלן בלייבן — לידער...

לידער, וואָס פאַרקינצלען די קונסט,
וועלען האָבן קורצע — יאָרן;
לידער וואָס קומען פון האַרצגלוסט —
בלייבן ביים פאָלק אין זכרון!...

ס׳איז אונדזער שולד

פעלקער שטאַרבן, ווערן ווידער געבאָרן.
ווידער געבאָרן, ווידער שטאַרבן.
מענטשן שטאַרבן, נאָר די נשמה ווערט נישט פאַרלאָרן:
נשמה לעבט אייביק, די קערפּער פאַרדאַרבן.

פעלקער פאַרגייען, ווערן געבאָרן אויפסנײַ
און פעלקער דורך ענויים לעבן אויף קאַריק־פרײַ.

מענטש האָסט דײַן אייגענעם גורל געשאַפן
פעלקער, וואָס האָבן געלעבט אין פרידן;
פעלקער וואָס האָבן, געמאָרדעט, פאַרשקלאַפן —
אַזוי איז דער גורל, געווען פאַר אונדז יידן...

כ׳זוך ווען

כ׳זוך ווען מיין האַרץ אָנפאַרטרויען.
ס׳איז שווער צו טראָגן פאַרשלאָסן אין זיך;
ווען פאַר דיר איז דער הימל תמיד אַ גרויער,
באַווייזט זיך אַ שטראַל ווען, פאַרוואָלקנט זיך גיך.

דערבאַרעם זיך הימל, זאָל זון מיר אַ שיין טאָן,
ס׳ווילט זיך דערוואָרעמען און באַלייכטן מיין אויג;
דער מזל מיידט אויס מיך און שוואַרץ אין מיין פאָן:
אַזוי ווי אַ שפּין, וואָלט מיין בלוט מיר געזויגט!...

לאַז מיר גלויבן

לאָזט מיר גלויבן אייערע פאַרנאַרטע רייד,
וואָס האָבן פלאַמיק מיין מוח געברענט;
ווי שפּיציקע, שרויפן, דראָטן געדרייט —
ווי עלעקטרישע אָדערן דורך די הענט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָב איך אייך געטרויט;
מיט פאַרשטאָפּטע אויערן האָב איך אייך געגלויבט.
אויף אייערע הבטחות האָב מיין גלויבן געבויט: —
איר האָט מיט אייערע שקרים — מיין גלויבן גערויבט...

איך האָב געזוכט

איך האָב געזוכט דאָס שטילן, באַשיידענעם וואָרט,
וואָס איז ניט חוצפּהניק מיט שיינע פאַרבן;
איך האָב געזוכט דאָס שטילע, פּשוטע אָרט,
וואו איך וואָלט אַמאָל, דאָרט, וועלן שטאַרבן.

כ׳האָב געזוכט אַ חבר, וואָס זוכט קיין נוצן ניט פון מיר,
וואָס זאָל מיין וואָרט פאַרשטיין און רעספּעקטירן;
כ׳האָב געוואָלט, אַז שטיל זאָל זינגען מיין שיר
און אין באַמבאַסטישע דיבורים זיך נישט פאַרפירן.

איך האָב געזוכט אַ גוטע פרוי, וואָס זאָל
מיין לעבן רייכער, שענער, מיר אויספּילן...
איך האָב געוואָלט מיין אומעט זאָל אַמאָל
אויפהערן, צו דריקן, אויף מיר — און שפּילן...

כ׳האָב געוואָלט מיין זון זאָל קאָנען לעזן מיין יידיש ליד,
וואָס האָט גענערט מיין בלוט און מח־זאַפט,
וואָס כ׳זאָל ניט געווען, דאָך תּמיד בלייב־אַ־יידישער־ייד —
ווייל כ׳בין אַ ייד: צו פאַרפאַלגונגען האָב איך קראַפט;

נאָר צו די געוואונטשטע, וואָס איך האָב געזוכט: איז — לא:
נישט קיין שטילן וואָרט; נישט קיין רואיק אָרט; נישט קיין חבר
זאָל נישט זוכן נוצן פון מיר; נישט קיין גוטע פרוי — אוי וויי...
נישט מיין זון פאַרשטייט מיין יידיש־ליד: אַזוי מיין לעבן זשאַווערט...

א, מאמע מאמע

אין שיינע—מאַרגנס—קילע—
מיט שקריפּענדיקע טריט שפּאַנט די מאַמע:
טאַנצן די טריט, שפּילנדיק און שטילע,
טרעטן זינגענדיק די שיך פון אַן איידעלער דאַמע.

ווי רירעוודיק, ווי איידל, איז איר טראָט געווען.
מיידליש און צאַרט, האָט איר פּנים געבליט:
אירע בליקן ווער פאַרגעסן קען —
אירע אויגן האָבן יעדן מאַנצביל — קורצגעמאַכט געמיט...

געדיינק, נאָך איצט, ווי יעדער האָט איר נאָכגעבליקט:
פרויען, מענער צו גלייך, מיט קנאה אויגן:
ווי אַ קעניגין. ווען זי האָט יום־טובדיק זיך אויסגעקלייד:
אַ, מאַמע, מאַמע מיט דיין בלוט, האָסטו אונדז דערצויגן...

נישט ווערט געווען די שלאַכט

ווי קליין איז דער חלום פון דערהויבן ?
שוין באַלד ווי נאָר דו דערגרייכט,
ווערט אָפּגעשוואַכט דיין גלויבן
און דיין ווילן צעווייכט.
זוכט זיך צו דערמאָנען, יענע טעג
וואָס דורשטיק האָט דיך געיאָגט
און מיט שטורעם געבראָכן זיך אַ וועג:
כ׳מוז דערגרייכן שפּיץ האָסטו געזאָגט...
דאָס ביסל גליק איז אויסגערונען,
זיצן אויפן טראָן האָט דיך גליקלעך נישט געמאַכט:
דיין דערהויבן האָסטו אויסגעפונען —
איז נישט ווערט געווען, די שלאַכט!...

שענק מיר

איבער זיבעציק ווינטערן זייִנען דורכגעשוואומען
און די זומערס, האָב איך כמעט פאַרזען:
אָ גאָט, וואָרום האָסטו פון מיר צוגענומען
די שיינע בלויע־טעג, וואָס איז האָב ניט געזען.
איך רייד צו דיר מיט יום־כיפּורדיק געבעט;
איך הויב די הענט צו דיין הימל־טראָן;
איך רייד צו דיר מיט קינדערשן געבעט:
איך פרעג דיר: וואָס קאָן איך טאָן ?
שיינק מיר, שיינק מיר איידער מיין טאָג פאַרגייט,
אַ ליכטיק זונענדיקן בין־השמשות
ווען מיט־נאַכט וועט צודעקן דער טויט
וועט מיך פאַרשטומען, אין אייביקער חלשות...

נאר מערער, מערער ליכט

ווען די מאָרגן־זון גליט אויף,
מיט וואַרעמקייט מיט ליכט.
דער אומעט פון דער נאַכט,
פאַרשווינדט פון יעדן געזיכט.
און יעדער — סיי צום יאָך;
סיי אין פעלד און וואַלד;
סיי צום דלאָט און האַק,
הילכט דאָס לעבן באַלד.

און מענטש און יעדער מין־החי
און בין, און בוים, און בלום
און לעבן וועקט זיך ניי,
מיט ליכט פון טאָג אָנקום.
און יעדער טוט זיין פליכט,
אַחוץ דער פוילער, גביר;
נאָר מערער, מערער ליכט:
וועט פּלאַצן — גביר־געשוויר...

א חלום

כ׳בין געווען פאַרוויקלט אין טראַכטן,
ווי סימבאָליש האָט פאַר מיר דערשיינט:
כ׳האָב דעם סימבאָל געזען ערשט היינט.
הגם, כ׳פלעג חלומען פון אַזוינס פילע פאַרנאַכטן.

ווי אַן אָדלער מיט צושפּרייטע פליגלען,
איז דורך אַ וואָלקן, און געבליבן שטיין.
ווי ער וואָלט געקוקט אויף מיין געביין
און גענומען מיך אַרומרינגלען.

איך, ניט פון אָרט, וואָס ס׳זאָל ניט קומען.
איך זיץ און וואַרט און רואיק אַזוי,
וואָלקן צעשפּאָלט זיך, אין העלפטן, אין צוויי
און שטורעם אַ קאַלטער האָט זיך צעברומען.

האָט מיך אַריס געטאָן, איך פלי מיטן ווינט.
צי פלי איך, צי חלום, כ׳ווייס ניט געוויס;
כ׳פיל אַזוי רואיק, און ריח׳דיק זיס
און אַלץ פאַר די אויגן, פלוצים פאַרשווינד...

און איך אין דער לופטן, אַראָפּ, אַראָפּ פלי.
איך ווער באַלד געהרגעט; דוכט מיר און טראַכט
און וואָלקן־אָדלער יאָגט מיך — און ווער אויפגעוואַכט! —
אַזוי אָפּגעחלום׳ט ביז מאָרגן דערפרי...

האפנונג

האָפענונג זינגט פון מאָרגן,
ווען דאגה מאַטערט דיך היינט;
בייגט דיר היינט אין טרויער —
מאָרגן זון פאַר דיר שיינט.

האָפענונג: דאָך פאַרוועטס תמיד,
זינג פון גליק וואָס וועט זיין,
כאָטש פאַרדרוס דריקט און מאַטערט
אויף אונדז אייביק; מיט פּיין.

היינט, הגם דאגות — דויערט,
יעדע שעה איז אַ שטומע,
האָפענונג ווייזט ריזיקע פינגער
צום גליק וואָס וועט קומען.

נאכט געבעט

אונטער די פאַרדרימלדיקייט פון געבעט,
אונטער אַ שוואַכן זעען זע איך.
הער אַ ליידנשאַפט־כוואַליע פון ווילן;
לוסט מיט לוסט, און קריג מיט זיך.

אויפגעבלאָזענע פוילקייט פון חלומען
שיינט די לבנה ווי אַ געשוואָלענע ווינקלט;
אין דעם וואונדערדיקן פאַרגעניגן פון פלייש —
דאַך, אַן אַנשטענדיקער, אַ ברענדיקער — פינקלט.

אונטער אויביקע זוכנדיקע הימלען,
דורשטן זייערע פינקלענדיקע שטערן אויבן;
אַדערן געשוואָלענע מיינע, פילן אַ פאַרלאַנגען
קעגן די גרינע האָריזאָנטן — הויבן.

שלעכטע פאַרגעניגנס פיל איך —
שוואַרצע אָפּעראַציעס דורך מיין מוח.
גייען, מאַרשירן, פאַרשווינדן — בלינד.
פלוצים אויפן הימל־זוים. פאַרן וואָלקנס רויך.

אָ, גאָט! דיין האַס וועט מיך טויטן גיך:
האָב רחמנות אויף מיר גאָט, כ'טו תפילה מיט כוונה —
שוויץ און קראַנק, אַ לאָז מיך וואַנדערן
אַנגעשוואָלענע פאַשעס פינקלען אין דער לבנה.

ווייל איצט, אָ גאָט, די צייט איז נאָענט
צו שניידן די סם־פלאַנץ מיטן שטאָל.
וועמענס לבנה, מיין סוד האָף אויפצודעקן
גרין ווי אַ שלאַנג אין דעם טאָל;

און די מגפה פון חלומות מיינע אויגן
שלאָגט, און גאָר די עבירות באַצווינגען,
און די רוישיקע פאָנטאַנען בלויע
אַקעגן דעם אַלהעכסטן די לבנה באַזינגען.

דער סוף פון אלע סופן

דער סוף פון אַלע סופן
איז ציטערדיק און קלאָר
געלייטערט באַר מיט האָפן
אין דער וועלט פון וואָר.

די זון איז דאָרט אַ ווייסע
ס'טראָגט זיך גרינג די טריט
אַזוי האָט טאַטע מיר אַ מעשה
דערציילט, ווען געגאַנגען מיט אים מיט.

אין צוויי לשונות

אחים־אהובים — וואָרום צו שיידן אונדזער צונג?
אין אונדזער אור־חדש האָבן מיר תיכף — מאָמעס לשון געהערט;
אין אחדות־ושלום; ווי שיין ס׳איז דער קלאַנג —
די בית־אברהם, ווער האָט אונדז צעשטערט?

מילת־ישרים — ווען שטיך אויבן אָן.
מקוה־ישראל — איז נישט אין דעם לשון;
משכן־ישראל — אין אחדות די פאָן —
נוה־צדק פון כל־ישראל.

לאָמיר זיך אָנקוקן, בסבר־פנים־יפות
און ברבים און ברוח־התיכון, ווי אַ חתן כלה
וועלן מיר טאַנצן צו די הקפות
און בשלום וועלן מיר בויען — אַלע...

און מיט יושר, דבר השווה לכל־נפש:
מיר האָבן, דברים כהויתם
מיט דברים שבלב און שותפותדיק
וועלן מיר משוררים׳ען אין יידיש און אין עברית־לשון...

די גלאַנציקע פליג

איך זוך דעם זין פון טאָגנדיקן האַוועץ
און טראַכט: תמיד קיין ענטפער געפינ.
פון ווייטן אין שפינוועב — אַ פליג זע איך זשאַוועץ,
פאַרגייט, ווערט פאַרצוקט פון אַ שוואַרצבייזן שפין.

איך זיץ ווי פאַרשטיינערט אויף איין אָרט,
אַזוי ווי פאַרכישופט וואָלט געווען:
געוואָלט — רייד איך צו זיך אָן אַ וואָרט:
גאָט: וואָס איז מיט מיר דאָ געשען?

ס׳ווילט זיך אויפשטיין, גיין טויטן דעם שפין
און ס׳רירט זיך פון אָרט ניט מיין גוף.
צי בין איך ניט אַרונטער פון זין?
די פליג מיט אַרעווען — איר רוף.

און איך ווי אַ שטיין, ווי אַ שטיין אין מיין זיץ
און אָט גוסס׳ט די גלאַנציקע פליג
איך קנייטש זיך: מיט די ציינער איך קריץ —
טראַכט איך: די וועלט איז אין שטענדיקן קריג...

איך וועל מיין ליד

כ׳וועל זיך לאָזן מיט פרייד, צום נייעם לעבן,
מיט אַ שמייכלענדיקן ברייטן מויל;
איך וועל דאָס שענסטע אין מיר איינוועבן,
מיט נייעם גורל, וואָס איז געווען מיט גרויל...

כ׳וועל מיין ליד צעקלינגען דורך טאָל און באַרג;
כ׳וועל אויסטאַנצן — די יאָרן נישט דערטאַנצטע,
כ׳וועל באַשפּייזן מיין מאָגן, וואָס געגעסן האָט קאַרג
און ס׳האָט קיין מאָלצייט מיר נישט דערגאַנצט...

אנדערע וועלן דאס נישט זען

געפין די גוטס וואָס ליגט אין אונטן!
זאָל דיך ניט אַרן די שולד פון מאַרס,
אָדער די שאַנדע פון קראַצן זיך;
לאָז די קליינע פעלערן אין גאַס.

זע די שיינע זאַכן, וואָס מענטשן טוען;
פאַרזע די קליינלעכע חסרונות.
גייט אין מלחמה פאַר דעם פּראָצעס —
זיי דו שטאַרק, נאָר מיט עדלמוט און היימיש.

מענטשן מעגן דענקען נישט גערעכט,
נאָר זיינען אין גרונט אָפט גוט;
אָבער מיר זאָלן פאַרשטיין:
פיל איז באַהאַלטן אין די וואָס האָבן מוט.

פילע ערלעכע, טוגענד, וועלן זיך נישט שטופּן,
וואָס איז דאָס גוטע? וואָס באַהאַלט טיף.
אידעלע ליפּן זייער סוד האַלט.
די אייגענע זינד באַהאַלט מיט באַגריף.

דאָך אין יעדע לעבעדיקע ברוסט
פלאַמט אַ פלעמל פון עפּעס שיין,
ווי דימאַנטן אין אַ מינע;
מיר מוזן זוכן, אלץ וואָס איז ריין.

שיין איז דאָס גוטע וואָס ליגט אונטן!
כ׳איז דאָרטן עטלעכע וואָס ווילן אַ באַזיס
וואָס ברענגט צו אַנדערע אַ שמייכלענדיקן פּנים
אנדערע וועלן דאָס ניט זען — אונטער זייערע פיס...

מיט גאָט אין זיין היכל

דער זייגער אויפן וואַנט, דער זייגער גייט
דער טיק־טאַק, גייט צום טאַקט
און ס׳דרייט זיך און באַוועגט זיך
סעקונדן, מינוטן, און שעהן — געפּאַקט.

אַזוי גייט די ערד, די שטערן,
די זון: ווי אַ זייגער אַלעס דרייט
וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער שאַפער — איז בויער פון זון —
אַזוי דער בן־אדם: אַט גייט ער — אַט טויט...

ווען דער זייגער שטעלט זיך אָפּ,
ציט מען אים אָן און ער גייט ווידער;
די זון, די שטערן, גייען תמיד:
און ער איז אויס חזן — ביים עמוד.

טראַכט איך, וועט מען אַמאָל דערפינדן
מיט שכל־מאַכט פון גאָט
און מען וועט אין בן־אדם, אַ פּרוזשינקע האַרץ
ווי אַזייגער, זאָל גיין אָנשטאָט...

דעם מענטש האָט גאָט געמאַכט אין זיין געשטאַלט
נאָר מענטש, ניט נאָר זיין געשטאַלט, ער זוכט אויך זיין שכל;
דער מענטש איז חוצפּהדיק: ער וויל אויך
זיצן, מיט גאָט אין זיין היכל...

אין שיטה

די בלום, וואָס שמייכלט נאָך היינט,
וועט מאָרגן פאַרדאַרבן.
און אַלץ, וואָס מיר ווילן היינט,
וואָס רייצט, מאָרגן וועט שטאַרבן.
וואָס איז די וועלט? — זינגט און לאַכט!
ליכט, וואָס שפּאָט פון דער נאַכט: —
נאַכט פאַרשווינד — זון ווידער שיינט...

שטאַרקייט — ווי שוואַך מוז עס זיין;
פרייט — ווי שווער צו געפינען;
ליבע — איז גליק: אפילו אין פּיין.
האָפנונגלאָז — צו באַשפינען...

נאָר מיט דענקען פאַרלירן זיי;
לעבן איבער פרייט — מיט ווי-
רופן מיר דאָס — זונענשיין...

ווען דער הימל בלוי און שיין
און פול ארום מיט בלומען,
פאַרנאַכט־זון אין אונטערגיין
מיט פרייט, דעם טאָג אַנטקומען.
ווען שעהן קריכן שטילע
פון חלומות זיסע קילע —
דאַן מיט פרייט דערוואַך און לאַך

פון א שיינעם מאנטל מאך נישט קיין טאראראם

איך קאָן פאַרשווענדן געלט אַסך,
נדבות געבן — ניט געטראַכט
נאָר אין איינזאַך בין איך שוואַך:
דעם ליידיקגייער וועל איך פאַראַכטן.

צום פּאָעט זאָג איך אָט אַ וואָס:
פאַרשווענד ניט זייטן מיט עטלעכע שורות —
וווּ די שיינקייט; אין פוסטקייט איז דאָס?
אבי זיך פאַרפּוצן מיט עשירות?...

ס'איז גוט אַ שיינער מאַנטל: — אַן איינבונד...
אַ גוטער פּאַפּיר איז אויכעט שיין.
פאַר די דרוקער זייט איר אַ גוטער קונד —
פאַרן אָרימאַן ברייגנט איר געוויין!

אַ שיינער איינבונד, מאַכט בוך שיין,
אגב דאָס מאַכט ניט, די לידער גוט...
פון פאַרדעקטע קליידער פיל מאָל איך ווייך,
און ווייז פיל מאָל אָן — מיט מוט —

„אַז דער טאָפּ פון דרויסן איז טאַקע שיין, אַנטיק.
אגב, די געקעכץ האָט קיין טעם:
יעדער פידלער, האַלט ניט פונקט זיין שמיק —
פון קיין שיינעם מאַנטל מאַך ניט קיין טאַראַראַם!...

דעפּרעסיע

שלייף אויס דיין צאָרן און וואַרף אים אויף דיין פיינט;
דיין סם'איק לעבן פון נעכטן און פון היינט.

בלוטלאָז דיינע פויסטן — די ביינער קעגן שטעל;
טרייב דעם וואָלף, רויבער, פאַרטרייב אים פון דיין שוועל.

דו האָסט אַ וועלט געשאַפן; האַלט די וועלט פאַר זיך:
שוסטער האָסט אַ וועלט באַשוכט; באַטראַכט נאָר דיינע שיך.

שטאָלער, מולער, פאַרבער, אַזוי פון יעדן פאַך;
הייזער אויסגעמויערט און איבער זיך קיין דאַך.

פאַרמער, מילנער, בעקער, וואָס שטייט איר איצט אין ליין?
דערקאָנסטו ניט דיין אַרבעט; ס'איז אַלעס, אַלעס דיין.

עד, ווען דו זאָלסט וועלן — הייב נאָר אויף דיין פויסט, —
דיוועלט וואָלט דאַן פאַרשטאַנען: אַן דיר די וועלט איז אויס!...

1930 נ. י.

שלום

(איבערגעזעצט פון מיין ענגלישן בוך „דואליזם")

פרידן: די טויב די ווייסע:
דער שוואַרצער שלייער פון שרעק
אין לויטער־ליכט פאַרשווינדט — אַוועק!

פרידן: די ווייסע ליליע, אַ קלאָרער הימל:
עס שרעקט נישט מלחמה — פלי־מאַשין,
געמיטלעך זיצט דער קאַפּיטאַן — אין...

פרידן: די זון שיינט העל:
די פייגל שנייט, פריי און הויך —
דעם הימל באַדעקט נישט פּולווער־רויך.

פרידן: גרין איז די ערד:
דער צווייט אויף די בוימער, פול און שטאַרק;
אויבסטן וואַקסן אין טאָל און באַרג.

פרידן: ס'קנאַלט דער דונער נאָר:
עס שרעקט נישט קאַנאָן — מורא פאַר טויט!
דער פּויער גליקלעך —ביים אַקער שטייט!

פרידן: חלומות:
צו בויען און שאַפן, אַלץ שענער און בעסער —
פּרעכטיקע בנינים, ליכטיקע, גרעסער!...

פרידן: וואָס זוכט קיין נקמה:
דאָס האַס־בליק, פאַרגעסן פון נעכטן
פאַרבייטן צו גוטן — דאָס בייזעס און שלעכטן.

פרידן: איבערבוי — רואינע:
פאַר שיטן גריבער — די סקעלעטן פון הייזער —
אויסגלייכן פון צייט, דעם קרומן ווייזער. ..

פרידן: רו און רעכט!
פון אַרבעט — פראַצע — העגט צו שאַפן
קיין האַנט זאָל נישט הויבן — שטאַרקער קעגן שלאַפן!...

1946.

ער...

(סאטירע)

הער, מיין פריינט, פאַרקוק דעם אָפּאַרטוניסט!
זיין גייסט, איז נאָר אַ חיה־שעה ווען אויג האָט גלאַנץ;
זינג דיבורים־שבלב נישט דברים גלאַט אומזיסט
נישט פלאַפּלען און פאַרטושן, מיט שפרונג און טאַנץ...

ער איז אַ חכם־בעיניו, און פאַרטומלט, פאַרלאַכט,
הגם ס׳פעלט אים רוח־הגדל;
ער פאַרלאַכט דעם שטילן, דעם זוכער, וואָס טראַכט —
ער קיצלט, דער קטן; קאָן נישט פאַרציען קיין פאָדעם אין נאָדל.

לאָדט אַליין זיך מ׳יחס׳ט זיך, פול מיט חוצפה
אומעטום אַזיצער, אין די רייען די ערשטע,
און מאָנט מטעמים און קרימט זיך אויף דאָס בעסטע —
קאָן ער איינעם ניט מנצח זיין — רופט ער אים פאַסקוטסטווע...

אַ רעדל־דרייער; אַ פּרעזידענט — און עלנבויגן שטאַרקע:
ווו אַ ווינקל איר טרעפט אים דאָרט — און זאָגט שוין דיעות
און אומעטום ער שטעקט זיין נאָז, זיין גוייש־פּנים — מאַרקע —
ער וואָלט די שול אויך פאַרכאַפּט, ווען ער וואָלט האָבן פאות...

אומזיסט די צרות לערנען נישט

וואָרום זאָל איך זיך צוהערן צו די חכמים
הגם יעדער וואָרט זיי זאָגן איז חכמה?
איך גיב צו דאָס ליבע איז מלך פון ליגן.
און זיין גרעסטער ליגן איז — דו!

די אַלטע מענטשן הייבן זייערע שטראָף־הענט,
זיי מורמלען מיט די מיילער און ריידן פון שאַנדע — שאַנד:
ס׳איז דאָ ניטאָ ווער ס׳זאָל זיי פאַרשטיין
אויב ער איז געווען, ער וואָלט געלעבט אין זעלבן שטאַנד.

אומזיסט די דורות לערנען נישט,
אומזיסט מענטשן טרעפן זיך צום קלאָרן געזעץ, —
אָ, ווער וואָלט ניט דאַגה׳נען זיך און שטייסן
ווען ס׳ניט אַזוי זיס צו זיין אַ נאַר — אַ געץ...

כ׳בין געגאנגען זוכן מיינע יארן

1.

כ׳בין געגאַנגען זוכן מיינע יאָרן
ווו געשטעלט מיין ערשטן קינדער־טראָט!
די קינדער פרייד: מיין היים, מיין שטאָט;
ווו־זשע, ווו־זשע, האָב איך עס פאַרלאָרן?

ניטאָ די שטוב, ווו מיין וויג געשטאַנען איז;
ניטאָ דער הויף, ווו איך האָט זיך געשפּילט;
ווו געשפּרונגען האָבן מיינע קינדער־פיס;
ווו מיין קלאַנג־געלעכטער, האָט אָפּגעהילכט...

ניטאָ דער גרויסער קאַשטאַנען־בוים,
ווו געשיצט האָב זיך, ווען גערעגנט האָט;
ווו כ׳האָב פאַרטראַכט מיין ערשטן טרוים;
ווו איז דאָס אַלץ? ווו איז דאָס — גאָט?!

2.

כ׳בין זוכן געגאַנגען, מיין יוגנט, מיין טרוים,
די בולוואַרן: מיין ערשטן ליבעס ריר;
אין גאַנצן יאָרן — דרייצן קוים —
די דאָזיקע פרייד נאָך איצטער שפּיר...

אָט דאָ, די גאַס, די בירזשע־גאַס,
ווו איך האָב זיך דערקאָנט — פיל מער,
אַז לעבן, קעמפן, איז ניט קיין שפּאַס —
פאַר גליק, פאַר גלייכהייט — דאַרף מען קעמפן שווער...

אַ צוקונפט פאַר אַ שיינער וועלט;
אָן האַס פון מענטש צו מענטש זאָל זיין:
אַי וויי, מיינע יאָרן! אַי וויי מיין וועלט!
די וועלט טרינקט בלוט — מיט טעם פון וויין...

3.

איך האָב געבויט אַ היים; אַ ווייב
און קינדער, און אין יאָך געשפּאַנט;
איך צייל די יאָרן, אין ציפער שרייב: —
אַ גאָט, גיב כוח מיין ציטערדיקע האַנט,

וואָס האָב דאָס גאָר, גאָר געדאַרפט?
ווו איז דאָס גליק? איז מיר נישט באַשערט?
מיין מוח געזוכט האָט, געגעבערט, געשאַרפט: —
צו זען אַזאַ וועלט, ס׳האָט ניט געהאַט די ווערט!...

וואָס געהיילטער מיין ציל

וואָס געהיילטער מיין ציל, וויל איך גיכער דערציען,
איך וויל ניט פאַרלירן קיין שפּאַן.
עס מעג מיך דער מאָטער בויגן די קניען,
ווען ווילן באַוועלטיקן : ווען ווילן פאַראַן !
איך וויל נישט, איך זוך נישט, קיין ליידיקע שעהן,
איך זוך ניט קיין פּשוטע רייד,
וואָס בריקען און טופּען מיט חמורשע קלויען —
מיין ציל איז די שיינקייט : דאָס ליד מיט באַשייד...
כ׳וויל ניט פאַרטומלען מיט צירקישע דיבורים,
מיט פלאַפּלען, אַקראָבאַטיש, וואָס האָט נישט קיין טעם.
און גאָר זייער דיכטונג — ווי געגאָסן פון איין פורעם —
אַן ריטם, אָן קלאַנגען, אָן גראַם !
מען פּרעפּלט אָפּ ; סדור, און מיטן — טלית.
מען שנייט יעדע ליד פון איין שטיק :
דאָ פון זשופּעצע פון רב׳ס צעשפּרייטע פּאָלעס ;
ווי דער רבי מאַכט קונצן מיט אַ שטריק...
אַזוי שרייבן די דאַ־דאַ פּאָעטן,
וואָס צוטומלען דעם לייענער פון יידישער ליד ;
אָט די טומלער, פּאָעטן, פאַרדינען אַ מאָלצייט אַ זאָטן,
וואָס פאַרטרייבן דעם לעזער דעם ייד...

האלוצינאציע

מיין אַטעליע[1] איז טונקל.
אַטענע[2] שטייט אַקעגן.
איז גרייט מיר געבן אַן אַטעסטאַט
פאַר אימפּראָוויזאַציע[3] וואָס איז געלעגן.
נאַיאַדען[4], טאַנצט איין מיט אַטעליע
און אַטענע שטייט און שמייכלט.
אירע אויגן שטראַלן נאָר פאַרטראַכטע
פון איר שטערן קנייטשן שכל׳ט.
איך בין מעלאָמאַניש[5] — לעראָלעט,
זאָגט אַטענע דער הויפּט מעסטאָ[6]
מעלאָדיש זאָל קלינגען דיין ליד —
עס זאָל אפילו געפעלן — מעפיסטאָ[7]

מעלאָפּאָמענע[8] שטייט אַ פאַרוויינטע
געקלייד אין שוואַרצן מיט אַ וויאָלאָ[9]
און צעלאָזט זיך אין אַ וויס׳ט—טאַנץ[10]
און צעוויינט זיך אי, אי, אי, אי..
מיין אַטעליע ווערט זון ליכטיק
און מיט חכמה רעדט אַטענע
און מעלאָמאַנע הויך צעזינגט זיך
מעלאָפּאָמענע אומעטיק, ניט ווי יענע.
אין וואוואַל דעם שוואַרצן :
זי בייגט זיך, דרייט זיך אין ווייען :
פּלוצים ווערט מיין אַטעליע נאָך טונקלער
און האַלוצאַציעס פאַרגייען...

1 אַטעליע — אַן אַרטיסט הייזל.
2 אַטענע — געטין פון חכמה — וויסנשאַפט.
3 אימפּראָוויזאַציע — אַ פאַרטונקלטע ליד.
4 נאַיאַדען — נימפע פון טייכן און קוואַלן.
5 מעלאָמאַניש — ליבהאָבער פון מוזיק.
6 מעטסאָ — אומעטיק מוזיק.
7 מעפיסטאָ — דער טייפל.
8 מעלאָפּאָמענע — מוזע געטין פון טראַגיעדיע.
9 אַ וויאָלאַ — אַזוי ווי אַ פידל.
10 אַוויסט־טאַנץ — קראַמפּיקער, בייגיקער־טאַנץ.

צייטנווייס טראַכט ער

ער זאָגט: — אַמאָל זאָגט ער, געהאַט אַ היים:
געהאַט אַ טאַטן און אַ מאַמען;
ברידער, שוועסטער, אַ שטוב באַדעקט מיט ליים —
אגב דאָך געלעבט צוזאַמען.

שבת איז געווען דער זאַטסטער טאָג
פון וואָכיקן עסן — אַ שווערער טעם;
די דאגה פון וואָך איז שווער געווען די וואָג,
נאָר שבת און יום־טוב, האָט געבראָכן דעם צאַם.

די ליכט אין לייכטער, די מאַמע ריין פאַרפּוצט;
דער טאַטע קומט פון שול: גוט שבת; גוט יום־טוב!
די קאַפּאָטע איז ריין — די שיך נישט פאַרשמוצט:
צוליב שבת און יום־טוב מעג, מען באָרגן — אַ חוב.

פלעגט מאַמע שפּאָרן פון גאָר דער וואָך,
אַזוי ווי מוראַזשקעס, זאַמלען און קלייבן:
זי זוכט באַצאָלן אַ חוב. פאַרדעקן אַ לאָך: —
אוי וויי: צי פאַר שבת וועט בלייבן!?..

אוי, קינדערלעך, קינדערלעך בעט ניט צו פיל,
פאַרגעסט ניט אייער טאַטע, איז ניט משה דער גביר:
משה דער גביר, האָט אַלעס צו פיל —
דערפאַר קינדער האָט ער אַ געשוויר!...

און מאַמע נעמט אַרום אונדז, מיט די קינדערשע הענט:
כ'בין רייכער, ווי משה דער גביר:
אייערע קולעכלעך צעקלינגען און פאַרקלינגען די ווענט
און ביי משהן איז שטיל, אַ מויז ניט אַ ריר!...

און היטלער, אוי וויי! אוי וויי מיר און ווינד,
האָט אַלעס פאַרברענט — פאַרגאַזט — און ניטאָ!...
— ניט מאַמע, נישט שוועסטער; ניט זייערס אַ קינד:
צייטנווייס טראַכט איך: צי אַ גאָט איז גאָר דאָ?!...

פארשווונדן

ווו איז יענער מענטש, אַ פאַרגעניגן אים צו קאָנען
מיר האָבן זיך געטראָפן, אומעטום, מיט וואָכן קאַריק?
זיין נאָמען זאָל זיין שמחת־תורה. ס'קוקט אויס ער קומט
פונקט ווי אַ צופרידענער סיזאָן נאָר איינמאָל אַ יאָר מיט גליק.

ער איז געווען פריינטלעך און גראַציעז, זיין געלעכטער — פריילעך.
ער האָט גאָרניט פאַרמאָגט, נאָר אַ גוט וואָרט פאַר אַ צווייטן געהאַט.
האָט קיינמאָל באַקלאָגט־זיך; מיט זיין לעבן געווען צופרידן,
אַלע מיט שמחה געווען ווען ער איז געקומען; און קאַלאַמוטנע ווען ער איז אַוועק.

ער קוקט אויס ווי אַ פרעמדער, נאָר אַ דורכגייער פון שטאָט.
אויף זיין אויסקוק דערמאָנט זיך — זיין קנייטשן דאָס שטערן;
געלאַכט, ווען ער האָט געשמועסט נאָר, פונקט ווי אַ פריינט,
מיט נשמה פון שמחת־תורה, ער, אויך, פלעגט ניט ווערן.

א ליד, ביזט מיין אויפעלע

איך האָב אויסגעווייטיקט מיין ליד,
אַזוי ווי אַ פרוי ווייטיקט אויס איר קינד.
איך האָב אַריינגעוויינט ווי דער ווינט,
מיין שווערן געבורט — שווער און מיד.

אַ ליד, ביזט מיין אויפעלע, ווען דיך געבוירן
און דערזע דיך, שיין, מיט אַלע גלידער,
בענטש איך גאָט און לייען דיך ווידער — ווידער!
טאָמער אַ מום וועל איך דאָרטן געוואָירן.

און וועלט וועט אויפוואכן

ווען זון וועט פאַרגיין.
וועל איך זיצן און טראַכטן
פון די בלויע הימלען
און די ליכטיקע שעהן
און דרימלען.

ווען קאַיאַר וועט אויפליכטן
און אויגן אויפוועקן
פון שלאָפענדן חלום
פון זיסע מיראַזשן
פון רו און פון שלום...

ווען לבנה וועט אויפגיין
מיט פאַרחלומ'טן גאָלד
און וועקן באַהאַלטענע אומרועז,
יואָס וועבן, וויברירן —
פאַר ווענמען מען האָלט.

און וועלט וועט אויפוואַכן,
צו מי און צו שאַפן;
צו בויען און וועבן;
צו לערנען און קענען —
פאַר אַ שענערן לעבן...

שלום

שלום, איז פון האַרץ און שכל
ניט פון זאַכן,
כאָטש אין באַזיצטן־שטאָלץ געפינען מיר,
ניט וואָס מיר מאַכן.

איינער קאָן זיין רייך און קומט ניט אין באַרירונג
מיט פרעמדע וועגן,
ווער איז צופרידן מיט פאַרמאָגן פיל,
אָפט, פאַרזאָרגט, שטייט אַקעגן.

מלחמה פון ניט דויערנדיקן פרידן איז געוווּנען
— וואָס ענדיקט האַס.
מען פאַרדינט פון גלויבן צו פאָרן ווייטער
ווען צווייפל גרייכט כעס.

שלום, פרידן, איז גלויבן אין אַלע מענטשן,
איז פול, וואָס ס'איז גוט,
ווידמעט האַרץ און שכל —
פאַר ברידערלעכקייט — טוט...

דער פויגל

די אַרבעט לייגט זיך שווער פאַר מיר,
ע, יעדער פּרווו; ס'איז באַשערט מסתמא;
הער דעם „פויגל" זינגען דאָרט,
ווי ער זיצט רואיק, כ'בין אים מקנה.

ער קוקט אויס פריי פון יעדער דאגה
זיצט באַקוועם אין שאָטן קילן.
ווייל די גאַנצע וועלט איז זיין שפּיל־אָרט
האָט גאָר די צייט צו שפּילן.

ווען די זון איז ליכטיק — שיינט
דער הימל אויבן איז אַ בלאָער־פאָן,
ער האָט קיין דאגה אין זיין ווערקשטאָט
פול מיט מלאכה פאַר אים צו טאָן.

די גאַנצע וועלט ז'פאַר אים אַ שפּאַציר,
ס'איז ניטאָ קיינער ווער ס'זאָל זאָגן גיין־וועסט!
ער איז קיניג אין זיין קיניגרייך,
ער זינגט די צייט אַוועק אין זיין נעסט.

איך גלויב און האָף

סע ווערט ווידער הערבסט,
די ראָבן קומען ווידער
און פאַרזאַמלען זיך אין וועלדער
מיט קראַקענדיקע לידער;

דער טומאַן אויף די בערג איז דאָ ווידער.
מיט פאַרשווענדעריש נאַטור גיסט ווידער
און גיסן שיינענדן גאָלד איבער דעם
און פאַרשטייפן די גלידער.

די וועלדער, אין זייער שענסטן געקליידט,
זיי דוכטן באַפלעקטע קעגן אָפּשיין
אין בראַנדז און רויטקייט באַקליידעט היינט
פון קלאָרן פאַרב און דיזיין.

מיר פראַצעווען, געפינען אין מאָרגן
רייכע דיאַמאַנטן אויף די גראָזן ווידער;
פאַר יעדער נאַכט אַן אוצר
מיט צירונג פון אויבן און נידער.

ער מעג זיין אָרעם

ער מעג זיין אָרעם: נאָר ער האָט פריינט
אין אמתן איז ער גאָרניט רייך,
ער טרייבט ניט קיין אויטאָמאָביל.
ער האָט ניט געוווינען קיין אויבן אָן,
און געטריבן זיין וואָגן רואיק און שטיל.

ער וואַנדערט אַרום פון טאָג צו טאָג,
צופרידן צו טאָן זיין קליינעם פליכט;
צופרידן מיטן גליק, וואָס ס׳קומט אין זיין וועג:
ער בעט ניט פאַרגרעסערן געוויכט...

ער איז ניט מקנא, אַנדערע מענטשן,
די געהויבענע געהאַלטן, וואָס האָבן גענומען מיט גליק.
נאָר ער, דער ערשטער, צו לויבן זיי, בענטשן,
ווען זיי זיינען פון קריגס־פעלד געקומען צוריק.

שפּאָרן אַביסל, דאָ און דאָרט,
נישט מקנא זיין, וואָס יענער פאַרשווענדט היינט;
באַדינען תמיד זיין ברודער־מענטש — ;
ער מעג זיין אָרעם; נאָר ער האָט פריינט...

.1930

דער עגאאיסט

ער רעדט מיט שיינע, בלומען, ווערטער.
ער וואַרפט מיט פראַזן פון אַנדערע וועלטן
פון גוטס, פאַרגעבונג, פון הייליקע ערטער,
פאַר הייליקע מלאכה, הייסט ער זיך אָפּגעלטן.

ער זוכט גערעכטיקייט, פאַר אומשיינקייטן,
פאַר מיאוסקייטן; ווי אַ דאַנקיכאָט — די מילן;
וואַרפט דאָס ביסן ברויט ווי קליינקייטן: —
זיין שגעון — איינצושטילן.

ער רעדט פון גאָטהייט און — ברענט ווילד —
ווי ד״ר „דזשייקל און מיסטער הייד״.
ווען די ווילדקייט זידט: ווי שפיזן צילט,
רייסט ווי לאַווע פון איינגעווייט...

ער רעדט שיין; מיט ווערטער־קוויטן:
פאַרגיב, זיי גאָט; ער הייסט דעם צווייטן.
אַליין אַ גאַל־מעסער — מיט דעם זיין חבר־טויטן;
קוקן ווי ס׳רינט דאָס בלוט פון צווייטן...

ער רופט צו־הילף — מיט חכמים׳ס ווערטער;
וואָס פּאַסט צו זיין צעווילדעטן־מוח
פון טרינקען צו פיל, שוואַרצע קאָפע
און זאָגט: פון באַגלאַזשאַנעס קריגט מען כוח...

און קרומט־איבער דעם גרעסטן טאַלאַנט;
אַליין שאַפן — האַרט ווי שטיין — זיין אַספּעקט — איין ליניע: —
ער קאָן אויספּוצן — די קונסט פון צווייטנס האַנט
און דיינקט, אַז ער איז דער שעפער, מיט שטאָלצער — מינע...

די בלאט פון בוים איז גרין

די בלאַט פון בוים איז גרין,
ווען ס׳האָט די נאַרונג זאַט:
אַזוי איז אויך מיין זין,
ווען ס׳איז רואיק וועבט זיך גלאַט.

די בלום, ווען פריש זי דומפּט:
זי נערט איר זאַפט פון אַ גלאָז
וואַסער, און פאַרזיסט די לופט
און ריח, זי ברענגט צום נאָז.

און ווער עס האָט טאַלאַנט,
קאָן שאַפן: פון זיך־פאַרשטיין;
עס קומט שוין צו אים פאַרשטאַנד,
וואָס געגעבן האָט גאָט אים אַליין.

פריינטשאַפט

געלט האָט קיינמאָל ניט געקויפט קיין פריינט,
קיין מאָל ניט געדונגען אַ מענט זאָל אונדז ליבן;
יענע וואָס זיינען טריי ביזן סוף היינט,
זעט עפּעס בעסער אין אונדזער געבן.
ניט זילבער און ניט גאָלד — קאַלטן,
געווינט פריינט, וואָס מיר קאָנען האַלטן.

געלט מאַכט קיין מאָל מענטשן געטריי.
יענער וואָס באָט אָן נאָר געלט אַליין,
כאָטש די מטבעות גיט ער זיי פריי!
לעבט ער אַ פאַרדאגהטער, לעבט אַליין;
מענטשן וואָס פאַרגעטערן גאָלד וועלן גיך אַוועקלויפן
ווען אַ צווייטער קומט עס קויפן.

לעזט די געשיכטע און שטימט צו — מאָלט —
געלט קאָן מען ניט האַסן: נאָר פאַרמוטשן — טויטן,
באַדינען איז ניט געבויט אויף געצאָלט,
מיר מוזן זיך באַקענען איינער דעם צווייטן.
מער ווי געלט דאַרף אַ מענטש געבן,
אויב זיין פריינטשאַפט זאָל לעבן.

לאָמיר אויפהערן צו לערנען אין בלינדקייט,
לאָמיר לערנען, וואָס מענטשן זוכן אין רייכקייט!
ליבע איז געבוירן אויף מענטשלעכע איידלקייט,
הברשאַפט, אויפמורטערקייט און שיינקייט —
מענטש האָט געביינקט, זינט ער איז געבאָרן,
צו באַהאַנדלט ווערן, ווי אַ מענטש ווען געוואָרן.

כאטש אין

„לאָז מיר חלומען, מיין בלויען חלום;
„לאָז מיר גלויבן, אַז ס'איז נאָך גוטעס דאָ,
„לאָז מיר דוכטן, אַז די וועלט לעבט אין שלום,
אַז טוב, גליק און רו, יעדע שעה...

וועק מיר ניט אויף פון שיינעם מיראַזש,
וואָס איך וואָלט וועלן אין דעם שווימען;
לאָז מיך זעטן פון חלום, שיינעם, פּייזאַש —
כאָטש אין חלום, לאָז מיר, אַביסל גליק געפינען...

מאדנער מענטש

ווי איז צום קינסטלערס זיידענע מלאכה,
ער וועט שוין קלאָגן אויף זיין ביטער מזל:
אויב ער קריכט אַרויס, אַ האַלבער — דאַרף ער מאַכן ברכה;
ער איז אַ קרבן פאַר זיין מוח׳ס — לאַזאַזל.

איין רעלצע פירט זיין מח פאַר זיין אויג:
אַלץ ווייס ער; וואָס צו עסן; וואָס צו טרינקען; וואָס ס׳איז געזונט.
האָסטו געדולד, און ווילסטו נישט ווי טאָן אים, טאָ בייג,
שאָקל צו דיין קאָפּ, מיט אונטערטעניקייט, ווי אַ הונט...

ער רעדט, ער רעדט און איינס: דאָס זעלבע: — זיי גוט —
דו, וואָס זייסט, וועסט אין צוקונפט שניידן.
ווידער, ווידער, תורה־ווערטלעך מיט בלוט
פון מענטשנס אָטעם, דיין שטראָף, וועסט נישט אויסמיידן...

אַליין, אָן קאָנטראָל, אַ שגעון, וואָס מאַכט אַזש צו ברעכן.
איז מקנה, וואָס דו טראָגסט; וווּ דו גייסט,
וואָס דו עסט און ליבט אַלץ, וואָס ביים שכן —
רופט אייך ליגנער, אויב קעגן זיין ווילן דו שטייסט.

לעזן, לעזט ער ווייניק, ווייס ווייניק — אין דער וועלט.
לעזט ער עפּעס, ווערט נתפּעל, ווי אַ קליין קינד: —
ער האָט פיינט רייכע; נאָר ליבט געלט...
זאָגט מיין מח ליידט, פאַר מיינע אַלטע זינד...

כאטש פון א שטערן א פינקל

גיי אויפן באַרג מיט פריידיקע ווערטער,
טרעט מיט פעסטע טריט;
אָטעם אַריין אין דיין פאַרוווּנדעט־נשמה —
זאָל דיך נישט אַרן די לאַבירינטישע ערטער,
ס׳וועט דאָרט רוען דיין געמיט.

ס׳שרעקט מיך מיין לייב, ס׳ציטערט מיין וואָרט.
ס׳זוכט ווו מיין ווילן, אַן אָפּרו־ווינקל.
דער מאָרגן פאַרכמאַרעט און שווער דער געמיט,
אַ ביסעלע פרייד, אַן אייגן ווינקל, אַן אָרט —
אַ פיצל ליכט; כאָטש פון אַ שטערן, אַ פינקל...

די ליידנשאַפט

שמאָלע סטעזשקעס מיין ליידנשאַפט טרעט:
געלעכטער קלינגט דאָרטן, טרויעריקע געשרייען;
קראַנק און אומעט, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן,
דורך די בלעטער די וועלדער האָבן געוויינט — געווייען.

מיין זינד ווי געלע פון געמישטע „בריט״* פאַרצייט־געבאָרן!
אומגעלומפערטע „היענעס״**, מיין האַרץ באַקלאָגט זיך, טונקט!
און אויף די בלייכע און גלייכגילטיקע אָפּנהאַרציקייט
לערנען ליבן, דעם לייבס געליבטן ווונק.

קראַפּטלאָז, טיף אין חלום פון פרידן,
פאַרזונקען, אין אַ שוואַך פאַרזינקונג ליגן זיי אין הויף
אונטער קאָלערלאָזן, פאַרוויסטן הימל,
בליקן זיי דאָרטן און קיינמאָל הערן ניט אויף.

ווו די שעפּסן ליידנשאַפּטלעך עסן גראָז,
איינער ביי איינער צו טיילן זיך געמיטלעך באַזונדער:
אין דער לבנהס אומגעביטענעם שיין
מיין אומגעביטענעם ליידנשאַפט־בליק־באַוווּנדער.

האַליצינאַציע

כ׳גיי ס׳איז פול מיט מענטשן:
נאָר מיר איז שווער מיין געמיט.
מיר דוכט אין אַ מדבר, איך גיי,
איך זע מיראַזשן אַלערליי.

אָט זע איך אַוואַלד און אַ טייך
און, אָט ווערט פאַרשווונדן עס גלייך,
עס טראָגט מיך מיין דמיון גאַלאָפּ.
הויך האַלט איך פעסטיק מיין קאָפּ...

עס פירט מיך אַ וועג צו אַ שטאָט:
פּאַלאַצן און טעמפּלען עס האָט;
אָט דאַרף איך אין טויער אַריין
עס טוט אין די אויגן אַ שיין.

גלייך ווי פון שלאָף וואָלט דערוואַכט,
ווי אַ בליץ האָט צעשניטן מיין טראַכטן;
פּלוצים איך שטיי אין דער מיט. —
כ׳גיי: ס׳איז פול מיט מענטשן: — טריט, טריט!...

* צוזאַמען פּאָרן. ** שאַקאַלן.

פרילינג בייט לעבן ווידער

צרות קומען, צרות גייען,
קיינמאָל זאָמען זיי ניט לאַנג,
ראשית, ווינטער מיט זיין שנייען,
דערנאָך פרילינג מיט זיין געזאַנג,

דערנאָך זומער פילט מיט בלומען,
ליכטיקע הימלען איבער אונדז הערשט;
דערנאָך טעג — טונקל — און אומעט קומען
אין אָט דער פראָסט־קאַלטער הערבסט.

ווינטער פאַלקט נאָך, לאַנג און עסענד,
ביטער ווינטן, זאַווערוכעס ברומען,
דערנאָך ווידער פייגעלעך זינגען אין די נעסטן
דער פרילינג ווידער ז׳געקומען.

אַזוי מיט אונדז, ווו מיר זאָלן ניט זיין,
צרות, מאַטערן אונדז, פאַר אַ ווייל אָן שכל;
ווי און טרויער, דריקט שווערער פיין;
דערנאָך קומט צייט, ווידער מיט אַ שמייכל...

גליק קומט דערנאָך מיט אַ טרער...
אָט ליידן גאָר די שעה דריקן דיך נידער;
דערנאָך אַ פריינדלעכע שטימע מיר הערן: —
לעבן, פרילינג בייט לעבן ווידער...

1940.

די זון וועט ארויס

עס איז דערהייבנקייט אין דער לופט,
דאָס קומען צו דיר
ווען טרויער וועט אָפגעשוואַכט
וועט פאַרשווינדן פון דיין טיר.

הגם, ביזט איצט, פאַרביטערט
דיין יאָך — אַ האַרטן,
וועסט צוריקקומען צו דיין רו
אויב געדולדיק וועסט איבערוואַרטן.

ווען דו קלערסט — שמייכל.
כאָטש דער וועג איז נאָך לאַנג;
וועסט דערגרייכן אין קורצן
צו זונשיין און געזאַנג.

גיי נאָר מיט מוט! כאָטש אויסגעמאַטערט
הגם פוס צעוויטאָגט פון שלעכטן שוך;
דער טאָג מעג זיין קאַלעמוטנע,
נאָך אַלץ אויפן מאָרגן — זוך.

די זון וועט אַרויס
דער הימל וועט זיין בלאָ
אַ שטראַל פון פריילעכקייט,
וועט אפשר אויפשיינען — אַ ליכטיקע שעה.

דער עגאאיסט

ער איילט געשווינד צו זיין מזל,
צו להכעיס מיין וואָרנונג־אָנווייז;
דאָך טראָג איך אויף אים ניט קיין כעס,
ער איז דאָך דער וואָס וועט צאָלן דעם פּרייז.

ווי איך פאַרשטיי גייט אים שלעכט בישט,
און איצט פאַרברענגט ער רואיקע טעג,
נאָר איך גלויב, און וועל אַלץ נאָך זאָגן,
ווי צו טאָן איז דאָס בעסטע מיין וועג.

האָב איך געזאָגט פּונקט די זאַך, וואָס צו טאָן
נאָר ער איינגעשפּאַרט, ווי איינער קאָן זיין דיר;
די דערפאַרונג פון אַלץ וואָס איך ווייס
אים געגעבן, ווען ער איז געקומען צו מיר.

צו להכעיס אויף אַלץ, וואָס האָב אים געזאָגט
און אַלץ וואָס איך האָב אים גערעכנט,
זיך אָפּגעקערט פון מיין עצה און געגאַנגען זיין גאַנג,
הגם איך ווייס מיינע געבאָטן.

עס וווּנדערט מיר צייטנווייז צו זען
די וועג ווי אַ מענטש ווערט אויפגעריכט;
און זיי קאָנען האָבן אַן עצה פון מיר,
ווונטשן דערגרייכן דורך שווערע געוויכט.

וואָס, אַז מיר דערגרייכן שוין איצט?
דערדראָפּען זיך דעם באַרגס העכסטן שפּיץ?
און איך אַלץ גלויב — סיי ווי סיי: —
מיין וועג צו גיין איז דער ווייכסטער זיץ!...

ווי קנאספּ

דער זייגער־אומרו, שטערט מיין שלאָף,
דער טיק טאַק טיק, וועקט מיין ברעם.
אין טונקל שטיל בויען זיך חלומות,
אין רואיק אָטעם, מיין רו איך נעם.
מיט גאָלד־האָניק באַשמיר מיין ליד,
וועט אויסטריפן ביז מאָרגן בלוי;
ווי קנאָספּ וועט אויפפינקלען אין מאָרגן שיין
און אויסזויגן פון בלום די טוי...

1930.

דער ווילן האלט אונדז יונג

שטרעבן מאַכט אונדז יונג און נוצלעך,
עס שטרעבט צו וועלן גיין אַרויף
און זוכן שטאַרק צו קומען צו דעם
ליכטיקסטן וועג ביזן סוף.
דער מענטש ווערט אַלט פאַר זיין צייט,
ווערט דערהויבנד, איז צופרידן צו שפינען;
ס׳ווילט זיך אים נישט קלעטערן אויף בערג —
עפּעס האָט אים לעבן פול ניט פאַרגונען...
די נויט און אָרימקייט איז ביטער,
ס׳האָט אים לעבן געמעסערט, שטאָך נאָך אַ שטאָך;
ס׳פּול דער בעכער מיט ביטערניש ביזן ברעג
און דאָס איז ווייטער, מער האָפנונגסלאָז־נאָך!...
מענטש מוז וועלן טאָג נאָך טאָג,
ווילן דערגרייכט די ווייטסטע צילן:
עפן דעם אוצר פון דער פאַרגאַנגענהייט —
אויב דו ווילסט דעם ש אַ פ ע ר פון דיין נשמה פילן...
דער וואָס האָט אויפגעהערט, וועלן, האָט פאַרלאָרן
די אַרבעט־געצייג, פון לעבן און ווידערשטאַנד:
פונקט ווי אַן אַלטער וועג־זייגער וואָס בלייבט שטיין —
ווען צייט האָט צוטרייסלט זיין גאַנג.
ס׳איז מיר אמתדיק פאַרדראָס פאַר אַזאַ מענטשן,
מעג ער זיין אַ גביר אָדער אַ מאָנאַרך:
ווער עס פאַרלאַנגט ניט, עפּעס צו טאָן
און זאָגט: אַז ער דאַרף מער קיין זאַך...
וואָס איז דער רייץ, וואָס טרייבט אונדז — גיין!
אָפּטמאָל צו זיין לויב זאָל זינגען מיין צונג;
ווייל מענטש ווערט אַלט ווען, ווילן פאַרשווינדט —
דער ווילן, צו דערגרייכן, האַלט אונדז יונג!...

1958.

מעג ער זיין טעמפּ

(סאַטירע)

ווי נאַריש ׳סזינגען די קלוגע
און בטלען די שירים ווי די שטותים,
און תּביעותן נאָך כבוד;
זיי דיינקען, זיי קומט דער כתר,
לעולם־ועד...

ביי זיי איז אביונים, ניט זייער גלייכן,
זייער, יחוס איז פון זהב־טהור;
אגב ווען זיי דערשניפּערן אַ רייכן,
מעג ער זיין טעמפּ, ווי האָלץ אַ שייטל
פון אַזאַ מזוזה, ווילן זיי ניט ווייכן...

איך וויל לעבן

איך האָב נישט מורא פאַרן טויט, נאָר איך וויל לעבן.
איך וויל לעבן; איך וויל וואָס געבן
דער וועלט, וואָס טוט אין מיר זיך וועבן: —
איך וויל לעבן, און דאָס איז מיין שטרעבן.
— אַ ברעקל גליק צו דערוועבן.
וואָס ס'וועבט זיך אין מיין מוח,
אין די געהירן — מיט אַ כוח,
וואָס זוכט זיך דורכצורייסן,
ווי די מאַסע טרייבקראַפט אין די שפּאַלטן,
וואָס האַלט אין שטיין באַהאַלטן.
— ס'איז פול אין מיר מיט גאָלד צושמעלצטע
פון זון, לבנה, שטערן שטויב
פון פורפור־וואָלקנס און רעגן־בויגן־בויג;
פון פאַרבן רייכע, רייכע קאָלירן,
וואָס בלענדן די אויגן און שימערירן...
און רייצן, מיט פרויען־רייץ — פאַרפירן —
דערפאַר וויל איך לעבן, נישט פאַרלירן;
וואָס איך האָב נישט דערגעבן:
— דערפאַר, דערפאַר וויל איך לעבן!...

ס'איז דא מחברים

ס'איז דאָ מחברים גיבן אַרויס ביכער זייערע,
אין שיינע בענדער, אין קינסטלעכע זייטן.
מיט ליכטיק זאַץ, מיט קאָליר־פאַרב דרוק;
נאָר איך וועל מיט זיי זיך נישט בייטן.

מעג מען זיי באַרימען, פאַרן פּראַכטיק איינבונד,
פאַרן שיינעם דרוק, וואָס רייצט די אויגן:
כ'וועל אַלץ גיין מיין אייגן וועג
און צו זייער לויב קיין מאָל זיך ניט נייגן.

מיט פיר שורהדיקע לידער און „פעטיט״!...
כ'קאָן פּאָעטן, וואָס גיבן אַרויס היפּשע זייטן.
עס קוקט אויס ווי אַ פליגעלע אויפן טיש;
אָדער אַ מוראַשקע אין דער מיט...

איך אויג אויפן בוך און דריי מיטן קאָפּ, —
וואָס קליינע גדולים ווילן האָבן פאַר די אויגן;
דער קבצן באַהאַלט אַפאַר גרויפן אין אַ גרויסן טאָפּ
דעם פינגער פאַר הונגער זיי זויגן...

מיט רעכנונג

איך האָב נישט געוואָרט אויף עשירות צו זיין איידל צו אַ צווייטן,
איך האָב נישט געוואָרט פאַר זוניקע טעג צו שמייכלען צו אַ פריינט;
כ'האָב נישט געזאָגט צו אַ שוואַכן מענטש, איך וועל אים העלפן מיט גרייטן...
נאָר דאָך האָב צופרידן געטיילט מיט יעדן וואָס איז אַקעגן געקומען היינט.

האָב נישט געזאָגט: מאָרגן וועל איך העלפן אַ צווייטן אין גאַנג,
אפשר וועל איך שפּאָרן אַ מינוט, וואָס איך קאָן נישט שפּאָרן היינט?
אפשר וועל איך קריגן אַ געלעגנהייט פאַר מיין געדאַנק? —
ווען האָב געזען אַ מעגלעכקייט צו העלפן אַפילו — אַ פיינט!

האָב געלעבט יעדן טאָג אויס העפלעכקייט, ווי ס'וואָלט געווען מיין לעצטער
פונקט ווי איך וואָלט וויסן די צוקונפט, וועט נישט ברענגען וואָס ס'איז אַוועק;
האָב צופרידן געטיילט מיין ביסל מיט די אָרעמערע פון מיר — געשעצטער,
ווען מיין לעצטער וווּנטש איז געקומען, האָט ניט באַדויערט, —
מיין לעצטן וועג...

א קינדערלעך, קינדערלעך

דער צאָרן, וואָס האָט מיך געמאַטערט,
ראַכע, וואָס האָט פון מיר געריסן
ווי דער שפּאַרבער וואָלט איבער מיר געפּלאַטערט,
מיט פייער־נעגל וואָלט איך זיי צעריסן.

אַ קינדערלעך, קינדערלעך — יידישע קינדערלעך;
מיידעלעך — מלאכימלעך — יינגעלעך קאַפּודאַנען:
פּילע, וואָס זיינען געלעגן אין ווינדעלעך,
אין אַש, האָט מען אייך צעריבן; שפּייז פאַר די לאַנען.

אייערע ביינדעלעך, אייערע גלידערלעך, קלאָגן.
דורך בלומען, דורך זאַנגען פון קאָרן;
גיי איך פאַרביי אַ בלום־קוסט, טו איך קדש זאָגן —
אָך און וויי, וואָס פון אונדזערע קינדערלעך איז געוואָרן!

געדולד

געדולד, הגם איך האָב נישט
די זאַך וואָס איך פאַרלאַנג.
איך מוז, מיט געוואַלט, גאָטס־וואָרט,
איבערטראָגן מיין הויפּט ווונטש;
ווייל קיין אַנדער וועג קאָן איך געפינען
צו זעגלען אַ קעגן דעם ווינט.

געדולד, צו וואָס ווענן זיי
ברענגען מיר, ווי אָדער פאַרקערט;
איך וועל איינשטימען מער נאָך
צו דיינקען פוןביידע, טאָג און נאַכט;
צו דיינקען און אַנהאַלטן מיין רו,
זינט ס'איז דאָרט ניטאָ קיין איבערטראַכט.

פאלקס-לידער
און באלאדעס

פאר די דאזיקע צוויי
(פאָלקסליד)

ס'איז ניטאָ קיין בלומען־קוסט וואָס איז רייכער,
ווי דער וואָס איז אַרום מיין טיר,
די פליאַמע, אויבן, אויפן הימל,
די פליאַמע, וואָס סע הונגערט מיר.

ס'איז דאָ אַ בוים, וואָס איך בין שטאָלץ,
ס'איז ניט פיל צו זען אין איר.
די צווייגן פשוטע פון זיי מיר דוכט — :
מיינט אַסך צו מיר.

ס'איז דאָ אַ בוים, וואָס כ'בייגק נאָך,
ווען ס'קומט מיר אויסצוגיין;
הגם די וועלט איז פול מיט שיינע בוימער,
איז זי איינע אין מיין היים...

די וועלט איז פול מיט קינדער,
נאָר פון אַלע פריילעך וואַקסן צוויי;
ס'הונגערט מיר נאָך זייער געלעכטער;
אַ זיסע בענקשאַפט איז נאָך זיי.

איך לעב, אַט פאַר די דאָזיקע צוויי,
איבער זיי האָב איך פיל מאָל ליידן;
ווייל זיי זיינען און ניט קיין אַנדערע,
וואָס פון זיי ווילט זיך מיר ניט שיידן.

צו געדיינקען
(פאָלקס-ליד)

ווי קאָנסטו וויסן מיין האַרץ האָט צעבראָכן אונטער
די שווערע ליידן וואָס האָב געטראָגן צו לאַנג?
ווי קאָן אַן איינציקער מענטש אָנפילן מיין וועלט מיט וווּנדער
און גיט מיר גלויבן ווען אַלצדינג האָט געזונגען אַן געזאַנג.

ווי קאָן איינער אָנהאַלטן דעם פלאַם־פרייד פון לעבן,
ווען פרייד איז קיינמאָל ניט אַוועק פון מיין קלאַמקע־טיר;
באַוועגט מיין רעיון צו חברישן פאַרגעבן
אַלטע ביטערניש, האָב געפילט, איז נאָך מיט מיר?

ביזט געקומען! דער אַלטער זייגער האָט געטיקעט; ליבע צובראָכענע שעה,
וואָס קיינער וואָלט באַמערקט מיין קלאַפּענדע האַרץ־געוויין.
צו מיין נשמה וועט תמיד ליגן אַ בלום דאָ —
כאָטש דו וועסט קיין מאָל מאָנען אַז דאָס איז פאַר דיר אַליין.

ער איז געקומען (פאָלקסליד)

ער איז געקומען מיט שמחה אין זיין ברוסט,
מיט געפילן, ווי ער וואָלט זי געקענט פילע יאָר;
זיינע געפילן האָט אים געטריבן זוכן טיף אין האַרצן,
איר קלינגענד געלעכטער, ווי ס'וואָלט געשפילט אַ כאָר...

קאָן דאָס זיין, דאָס נאָר היינט, מיין האַרץ
איז אויפגעהויכט, מיט וואַרימקייט, מיט היץ
פון אונדזער גליקלעכן געלעכטער, אין ליבסטן טייל
פון דיינע אויגן, האָט אויפגעלייכט אַ בליץ?...

ס'האָט געצויגן צו קושן דיך און קושן,
קוקן אויף דיין שלאַנק־געבייגטן־גוף,
פילן דיינע אויסגעשעפּציטע ליפּן —
ווי דיין שמייכל וואָלט גערעדט צו מיר, מיט רוף...

כ'בין געקומען מיט שמחה אין מיין האַרצן,
עס האָט געזונגען פון מיר מיט גרויסן פרייד;
כ'האָב געפילט, ווי כ'פלאַטער אין דער לופטן
צו אַן אויסגעמאָלן־בילד פאַר די אויגן שטייט.

ליבע־זאָרגן (פאָלקס־ליד)

דו וווּנדערסט זיך. אונדזערע געדאַנקען יאָגן אַזוי גיך
אַרונטער דעם שטראָם פון צייט;
אַ ליבע אַזאַ ווי אונדזערע איז זאָרגן?
צו שטאַרק פאַר איין טאָג אָנצוהאַלטן זיך,
פאַרשווינדט אין דעם מאָרגנדיקן מאָרגן.

האָב פאַרגעסן צו קוקן אין זון־אונטערגאַנג,
די שטערן קומען אַרויס, די לבנה גייט ארויס;
דאָך זע איך זיי מער פראַכטפולער אָפּשיינען
אין דעם רייץ פון דיינע אויגן גרויס.

דער טייך לויפט טראָפּנווייז אַרונטער
צו פאַרשווינדן אין דעם ערדלאָזן ים־טיף;
אַזוי מיין האַרץ מורמלט, מורמלט אין מיר
זוכט צו ווערן פאַרלאָרן ווי אַ זינקענדיקע שיף.

און אין דער גרעסטער טיפעניש פון דיר,
ס'איז גאָר ניט איבערגעבליבן נאָר ליבן דיר
נאַטור, וועלכע איז געווען צו מיר שיינהייט — דאַפיר,
האָט פאַרלאָרן זיך, און באַקומען, ווי איינס מיט דיר.

האפּענונגסלאָזע ליבע

(פֿאָלקס-ליד)

אַ מאָל, ווען די זון שיינט ליכטיק
עפֿן איך די דעקל פֿון מיין האַרץ,
שלייך אַריינזיך, טיף, אַריינצובליקן
ס'איז נאָך אַלץ דאָרט, שטאַרק איינגעשלאָפֿן
מיין אַלטע, אַלטע ליבע פֿאַרדיר.

אַ מאָל ביי נאַכט, ווען די עלנטע פֿינסטערקייט פּלאָטערט,
וואָלט איך אָפּדעקן די דעקל פֿון מיין האַרץ
און וואָגן אַהין אַריינצובליקן,
ווייל ס'איז נאָך וואָך און וויינט,
מיין האָפֿנונגסלאָזע ליבע פֿאַר דיר.

געוון איז דאס מיין אלטינקע באבע

(באלאדע)

אָט שטייט מיר אַקעגן מיין אַלטינקע באָבע;
אַ קליינע, אַ דינע, אויף אַ שטעקן געבויגן;
תמיד געטראָגן פֿון שטרוי האָט אַ קערבל,
אויפֿשטיין גאַנצפֿרי און שפּעט פֿלעגן זיך לייגן.

געקליבן נדבות, ניט פֿאַר זיך האָט — חלילה,
געגעבן צו אָרעמע; יתומים, אלמנות,
פֿאַרזאָרגט מיט אַ שבת, פֿאַרזאָרגט מיט אַ בגד —
אין אומגליקלעכע שטיבער, געבראַכט האָט נחמות.

פֿאַראָרעמע כלות, געפּראַוועט האָט חתונות,
פֿאַרזאָרגט מיט אַ העמד, פֿאַרזאָרגט מיט אַ קישן
און ווו נאָר אַ קראַנקער, איר פֿוס האָט געטראָפֿן:
ווו מען דאַרף אַ ברית, מען האָט איר געלאָזט וויסן!...

געקליבן נדבות, צעטיילט פֿאַר די קראַנקע,
אַ רפֿואה, אַ דאָקטאָר, זי האָט זיי פֿאַרזאָרגט שוין;
דאַרף מען אַ יתום אין תלמוד־תורה אָפּפֿירן?
שוין האָלט פֿאַרן הענטל, מיט אים זעט מען זי גיין...

געוועזן איז דאָס מיין אַלטינקע באָבע, באַגלויבט, באַליבט, ביי יעדן:
ווען זי איז געשטאָרבן האָט מען געשלאָסן די קראָמען;
בעל מלאכות, די ווערקשטאַטן; פֿורמאַנעס די וועגעלעך —
האָט מען געפֿירט צו איר אייביקער רו — און געבענטשט איר נאָמען!...

1920.

מיין יחוס
(א באלאדע)

אין מיין עלטער, עלטער זיידעס, געלע ספרים,
האָב מיין אָפשטאַם דאָרט געזען:
זיי זיינען אַלע לאַנג אין קברים,
נאָר שאָטנס פון אַמאָליקן געוועזן.

פון דור־דורות, זע מיין יחוס דאָרט:
פון מיין עלטער, עלטער, עלטער זיידע:
דער ערשטער, דער הויפּט־מיוחס
פון דער גאַנצער — עדה;

געוועזן אַ שוסטער: אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט;
זיין זון, אויך אים, האָט מען געכאַפּט
און ווי זיין טאַטן, אָט אַזוי, אַקוראַט
פאַר פינפאונצוואנציק יאָר אין קאַזאַרמע אים פאַרפאַקט.

און אַזוי ציט דער יחוס ווייטער:
אויך דער פינפטער זיידע, דעם טאַטנס פערטער,
איז געווען אַ טרייבער, מיט אַ נאָמען — אַ רייטער
און שפּעטער, אַ צירקמאַן — ווערט ער.

און מיין פערטער זיידע, דעם טאַטנס דריטער,
איז געווען אַ שניידער פון גרויסן יחוס;
פלעגט נייען, פאַר פריצים פון גרויסע גיטער —
פלעגט זיך פוצן און שמירן, מיט ווייבערשע ריחות...

און דער דריטער זיידע, דעם טאַטנס צווייטער,
איז געווען אַ קצב, מיט ידיים פון אַ יון
און אַ פּנים פון אַ לייב, מיט אַ באָרד אַ רויטער
און אַ כיטרער, פּשוט אַ גנב, ווי ס'איז געוועזן לבן.

און מיין צווייטער, דעם טאַטנס זיידע,
איז געווען ביים פּריץ, אַן אַרענדאַטאָר;
ווייל ער האָט פאַר ייִדישקייט פאַרפעלט — כסדר —
האָט געפירט געשעפטן מיטן גובערנאַטאָר...

מיין ערשטער זיידע, מיין טאַטנס טאַטע,
איז אָט האָט איר, זיינע סמיכות:
אַ שניידער מיט אַן אַדעסטאַטע!...
— אַזאַ שניידער איז אויך געווען מיין טאַטע:
דאָס איז מיין יחוס!...

ליידן

(פֿאָלקס־ליד)

איך בין פֿאַרדאגה׳ט, דאָס דו האָסט מיך פֿאַרלאָזן,
ניט פֿאַרליבטע קאָנען מיר זיך פֿאַרגלייכן.
פֿאַר דאָס בין איך פֿאַרדאגה׳ט דאָס דו ביזט מער ניטאָ
צו קוקן אין ליבלעכן פּנים רייכן.

איך דאגה ווייל אַ חלום, קאָן לעבן און שטאַרבן;
אַפֿילו איבערלעבונגען לעבן לאַנג ניט;
אַלע שטאַרבנדע ליבעס מוז זיין נישט אייביק,

וואָס איז ליבע, נאָר גאָר, אַ פֿאַרגאַנגענע ליד?
איך דאגה, ווייל מיין האַרץ טראָגט נאָך באַגערן
פֿון נאָכגיין נאָך דיר — אַ פֿאַלענדער שטערן...

כ׳ווייס נישט

כ׳ווייס נישט צי שטייט, אַ מצבה, ביי מיין טאַטנס־קאָפּן?
נאָר ביי מיין מאַמען געוויס איז נישטאָ!
אים גרינגער געווען איז ווי מיין מאַמען:
ער איז געשטאָרבן ווען היטלער ז׳נישט געווען דאָ.

געווען אַ האָרעפּאַשניק איז ער, געגנאָדלט פֿון פֿרי ביז שפּעט.
אַ בעל־מלאכה געווען און אַלעס געקענט:
געבויט אַ שטוב, אַן אָוון געמאַכט — אַ פּשוטער ייד — אַ שניידער —
נאָר פֿול מיט טאַלאַנט, מיט גאָטס ברכה, אין זיינע הענט...

אין קאַיאָר, שוין געלאָפֿן, מיט אַ טרוקענעם מאָגן,
מיט התמדה געדאַוונט, פֿאַרגעסן זיין האַווענען;
אַז אַ רב וואָלט נישט אָפּגעריכט אַזאַ שחרית־זאָגן —
ווי מיין פּשוטער, ערלעכער, שניידער־טאַטע, פֿלעגט דאַווענען...

געיאָגט יעדן פֿרייטיק אין מרחץ לכבוד שבת־קודש,
די נעגל באַשניטן, די פּיאות באַקרייזלט, די באָרד פֿאַרקעמט.
דעם סאַמעטענעם סורטוק אָפּגעבאַרשט; קיין שטויב, קיין פֿליאַמע;
יישר־כח דיר גאָט! כ׳בין נאָך אַ מאַנצביל... געזאָגט פֿאַרשעמט...

ער שטייט אַקעגן מיר מיט זיין סאָקראַטעס שוואַרצע באָרד,
מיט זיין האַלב־שטרייגגן פּנים, פֿאַרטיפֿט אין מלאכה:
ער האָט קיין זאַך נישט פֿאַרזוכט, קיין טרונק וואַסער
אין מויל, בעפֿאָר ער האָט נישט געמאַכט אַ ברכה...

1918.

מיין זיידע

(פון מיין מאַמעס צד)

מיין זיידע, אַ קליינער, אַ דאַרער,
אַ בערדל אַ שיטערע — ווייס.
אַ פּנים צעקנייטשט -- אַ ראַגאָזשע —
אַ בליק, אַ קאַלטער ווי אייז.

גערעדט, געגעבן באַפעלן.
דער שטעקן גערעדט ווי דער מויל;
ווען כעס האָט אים באַפאַלן —
אים אָנקוקן געווען איז אַ גרויל.

געגעסן האָט ער זייער ווייניק,
געפאַסט צוויי טעג אין אַ וואָך,
אין שול דריי מאָל געגאַנגען —
אין מיטנאַכט געלערנט: נאָך, נאָך!

תמיד פלעגט ער מיט מיר לערנען;
שרייבן יידיש; לשון קודש;
אותיות געשליפן ווי פערל;
אַ צענער געגעבן יעדן חודש.

פאַר יעדער ליד, איך האָב געשריבן,
דריי גראָשן געקראָגן באַצאָלט;
פאַר דערציילן אַ מעשה אין גראַמען,
האָט ער מיר געזאָגט: „האָב דיך האָלט".

געבראַכט מיר אַ קיכל, אַ זיסן:
„נעם דיר אין חדר מיין קינד";
אַמאָל אויך אַ טרוקענע טייטל:
„זאָג ניט קיין שקר; ס'איז אַ זינד"!...

יעדן פרייטיק, פאַרהערט מיר די סדרה,
אַלץ ט'געמוזט זיין מיטן טראָפּ!...
„אַך טייער, טייערער בערעלע,
האָסט דאָך אַ גאונישן קאָפּ".

אַזוי פלעגט דער זיידע זאָגן;
גלעטן גוטמוטיק מיין קעפּל;
איך פלעג זיך פילן דערהויבן,
דרייען אין מיין רעקל דעם קנעפּל...

דער טאַטע, פון זייט, פלעגט שמייכלען.
די מאַמע פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ.
פלעגט זיך פון פרייד אַזש אָפּווישן
אַ טרער, גלייך אַריין אין דעם טאָפּ.

נאָך מיך פאַרהערן, דער זיידע,
פלעגט זאָגן צו מאַמען: „ס'איז גאָלד:
גיב אים צוויי שטיקלעך שטרודל,
ער האָט דאָך דעם מאָן אַזוי האָלט"...

דער טאַטע פלעגט מיך צודריקן,
אַ גלעט און אַ קוש מיר אין שטערן;
די האַרץ פלעגט מיר אַזש אויפשטורמען,
ווען פלעג פון טאַטן אַ גוט וואָרט הערן...

דער טאַטע איז תמיד אַבייזער,
זעלטן כ'זע אים מיט שמייכל:
הגם פלעגט ער מיר נייען גאַרניטלעך —
ווייל איך האָב פון ברודער מער שכל.

אין שול האָט דער רב אויך פאַרהערט מיר
אַ מתנה געגעבן אַ פּיטאַק!
קינדער געשטאַנען פאַרגאַפטע,
געגעבן אַ גלעט מיר אין באַק.

נאָר קיין גליק האָב איך אַלץ ניט גענאָסן;
מיין נשמה האָט העכער געזוכט:
וועלטן, וואָס געזען האָט מיין פאַנטאַזיע,
האָט אַמאָל מיר אין חלום געדוכט...

אַ חלום איך טראָג פון מיין קינדהייט,
דער חלום ער לאָזט מיך ניט אָפּ;
אַזוי ווי אין טשאַד וואַנדער אומעט,
מיט קינדערשע חלומות — פול איז מיין קאָפּ

1912.

געמאכט אין הימל (פאָלקס-ליד)

מיר האָבן געליבט מיט דער ליבע פון מלאכים,
אָנשטענדיק מיט הייליקן פלאַם;
מיט דער ליבע וואָס איז געווען גע׳חתמ׳עט אין הימל
ווי אַ ליד געדיכטעט פון מלאכים אין גראַם.

מיר האָבן געליבט מיט פייער פון הימל —
אַ שיינע, מיסטישע ליבע־קריין;
קיין זאַך קאָן קילן אונדזער בונד,
ווען מיר ענטפערן דעם רוף צו גיין...

מיר האָבן געליבט מיט דער ליבע פון אומשטערבלעכקייט —
די הייליקסטע ליבע — וואָס העכער פון גוף;
אָ, איך זאָל דיך ליבן איבערמענטשלעך,
ווען מיר, שטיל, ווען זיך אָפּטראָגן צום אייביקן רוף...

פאר וועלכע זינד

דער שטילער טרויער וויינט אין מיר
און מאָנט מיינע פאַרלוירענע טעג,
וואָס האָט פאַרבליט פאַר דער צייט
אין דעם חלום פון מיין וועג.

שווער צו דערמאָנען יענע גליקלעכע צייט,
ווען יידיש לעבן האָט דערהויבן:
אַ שבת, אַ יום־טוב, אָרעם צי רייך,
ט׳האָט איבערגעוועגן, יאָך — דער גלויבן...

איך דערמאָן זיך, דעם חדר, די לאַנגע שעהן,
די שפּעטע נעכט — אַ קינד אַליין,
מיט אַ לאָמטערנע — און בלינדע נעכט
און פון שרעק פלעגט אַזשטאַנצן די ציין...

דער שטילער טרויער מאָנט אין מיר;
וואו זיינען, טאַטע מאַמע, וואו איז הויז;
וואו מיין מאַמע האָט מיך געוויגט? —
פון זיי אַלעמען, אַש געבליבן בלויז.

אַך דו קלוגע מאַמע מיין!
דיין הומאָר, האָט די ביטערניש פאַרשעמט.
אין עת־צרה, האָסט דיין קאָפּ געטראָגן הויך,
און תמיד אין אַ שעה אַזאַ, די האָר זיך געקאַמט.

האסט זיך געבראכן די הענט, נאר נישט געווינט,
געמוח'ט, ווי צו טרייסטן יענעם: זיך — מוט!
און מיט מוט ביזסטו פול געוועזן, מער פון טאטן
און אין ביטער צייט — געוועזן צו אלעמען גוט.

דער שטילער געוויין גיט מיר קיין רו;
עס זוכט דעם ווארצל, פון מיינע ערשטע טריט:
א געסעלע מיין, אן טרעטאארן — און מיט —
די שטילע בענקשאפט קיין רו מיר גיט.

נעכט אומרולאזע, ווערן ווי שלאנגען;
האלוצינאציע טראגן מיך דארט:
אט, דא; האט מען מיין אלטע מאמע געפאנגען
און מען האט זי דערשאסן אויפן ארט...

א, קליינע מאמעלע; ליגסט ווי א קינד
צוזאמענגעקארטשעט, ווי געליטן פון פראסט;
דו ערלעכע מאמע, פאר וועלכע זינד
האט גאט אונדז פארלאזט?!...

איך וויין, דער אטעם קורצט, עס שטיקט!
א פלאמיק זייל שנייט דורך און מאנט:
וואָרום האסטו נאך איר נישט געשיקט —
ווען דו האסט זי ראטעווען געקאנט?

אימעצער (פאלקס-ליד)

אימעצער האט אויפגעוועקט מיין חלום
פון יוגנט פארגעסענע־טעג,
וואס געוועזן איז טויט שיין עליה־השלום
אויף מיין זיגזאגישן וועג,

דו מאלסט מיר ווידער א נייעם,
א בלאען, א ליכטיקן, זארגלאזן חלום,
מיט האפנדיקן כוח, ווער איך באנייען;
איבער מיר פליען ווייסע טויבן פון שלום...

א, גאט, מיט פארמאכטע עניים,
זע איך פלאטערן מלאכים, ווייסע,
זיי גיבן מיר טרינקען און ווינטשן לחיים;
די טענער האבן געזונגען ווי א מעשה...

ווערסט קומען צו מיר

(פאָלקס-ליד)

ווי אַ פּריזאָנער פאַרשפּאַרט הינטער שוואַרצע קראַטעס,
מיין לעבן אויסגעקריצט פון פילע ווונדן;
איך בייִנק צו געפינען אַ שטילן ווינקל,
ווו פרידן רוט, און אַ ליכט־לאָמפּ געצונדן...

געאיילט וואָלט גיין, און לאָזן אַהינטן
די שוואַרצע קראַטעס, וואָס האָבן מח געדריקט.
ביז איך דערקריך צו אַ ריינעם ווינקל —
רוען מיט דיר — פון דיר פאַרוויגט.

נאָר געוויס איך ווייס, אַז ס׳וועט ניט זיין;
אַ פאַרזיכערטער וועג איז ניט געמיינט פאַר מיר.
דאָך איידעלע, און תמיד גוטע פריינט;
וועלן קריגן אַ וואָרט, אָדער אַ בריוול פון דיר.

די דאָזיקע געזעלשאַפט מיט וועלכע פאַרווייל׳סט
איז נאָר אַביסל פון הימל; מערער צו ערד.
דאָך האָבן געגנוג שטח פאַר דיין שיינהייט:
ווערסט קומען צו מיר, אויב ביזט מיר באַשערט?...

אכט יאר בין איך אלט געווען

ווען איך האָב מיין ערשט ליד אויסגעדיכטעט;
אַ פירפערזיקע, אַ דינע, אַ שטילע;
ס׳איז געקומען אַליין, גאָר אומגעריכטעט
און נאָכדעם זיינען שוין געקומען פילע...

כ׳האָב גענומען שיין פלאָפּלען אין גראַמען
און פלינק צו אַלץ אַ גראַם געקראָגן;
האָב גערעדט צום טאַטן און צו דער מאַמען —
נאָר צום רבי׳ן האָב מורא געהאַט צו זאָגן...

מיינע לידער, האָט מיר געטריבן צו איינזאַמקייט,
ווי דער טייוול, וואָלט מיך געיאָגט האָט געדוכט;
פאַראיינזאַמט, מיינע קינדער־יאָרן, מיינע טעג; —
אַ שטילן ווינקל תמיד האָב געזוכט.

דער רבי האָט געאײַגלט מײַן פֿאַרטראַכט;
פֿלעגט מיך אױפֿװעקן מיט קאַנטשיק אױפֿן טיש! —
מיט שרעק, װי פֿון אַ בײזן חלום, האָב דערװאַכט
און װי קדחת האָט געציטערט מײַנע פֿיס.

האָב דעם רבין ניט געליבט; ניט געהאַסט.
ער האָט געשראָקן מיך מער װי מײַן טאַטע:
דער רבי האָט קײנמאָל געלאַכט, געשפּאַסט;
די רביצין: — נעם זיך ניט צום האַרצן, מאַך זיך טאַמעװאַטע.

אַכט יאָר בין איך אַלט געװען, װען מײַן ערשטע ליד פֿאַרפֿאַסט;
אַ דאַר'ס' שװאַכער ייִנגל, מיט בלײַך־בלאָע באַקן:
האָט אײנער מיר געדרײצט אָדער בלױז שפּאַס געשפּאַסט,
פֿלעגט פֿון אױפֿרעג, די צײנער, ציטערן — קנאַקן.

קײנעם ניט מוחל, װאָס האָט מיך פֿאַרשעמט:
אפֿילו דעם טאַטן שיער געשאָלטן!
נאָר אַ שטימע פֿלעגט שרײַען: „כבד־אב! װעסט װערן פֿאַרברענט!"
האָב די קללה פֿאַרענדיקן ניט געװאָלט.

אַזױ איז מײַן לעבן, מײַן יוגנט פֿאַרבליט,
פֿאַרטרױמט, פֿאַראײנזאַמט: אַלײן נאָר מיט זיך;
צו מײדלעך, װי צו בלומען, האָט מיך געציט,
אַז זײ זײַנען בלומען געטראַכט האָב איך.

פֿלעג אױף זײ אײַגלען, זײער בליק האָט מיך פֿאַרשעמט;
האָט אײנע, אַ מתנה, שײנקען געװאָלט, האָב זיך אָפּגעזאָגט,
האָב זיך געהאַסט, געװאָלט באַרירן זי מיט מײַנע הענט —
אַ ביטערנישע, אײַנגעשפּאַרטקײט — האָט מיך גענאָגט.

האָב אַלץ אײַנגעזױגן, אַלץ האָב איך געקאָנט,
נאָר פֿון זיך אַלײן האָב איך זיך — געלערנט...
און מער און מער האָט עפּעס אין מיר געמאָנט
און צו אַלעמען און אַלעס האָט מיך געװערנט...

צו אַכט יאָר מײַן ליד האָט מיך דערשטױנט.
עפּעס, מײַנע אױגן, האָט אַ ביי ליכט דערזען.
נאָך יעדע ליד, פֿאַר פֿרײד, האָב זיך צעװײנט.
יעדע ליד, װי אַ נס, פֿאַר מיר איז געװען...

1918.

אין האמליע

צ׳ווי גרויסע שולן האָט האָמליע געהאַט:
די חסידישע, אַ האַלצערנע, אַ מאַגערע;
די מתנגדישע, אַ געמויערטע און מיט געשמאַק —
מיט זיילן אינעווייניק, מאַרמאַרלנע און וואַגערע...
דער מתנגד־רב, אַ געלער, מיט געשאָרן באָרד
פלעגט גיין מיט געציילטע טריט אין שול:
רב בער, דער חסיד, אַ לאַנגער, און תמיד פאַרזאָרגט,
אַ געאיילטער, אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט געווען דול...
דער מתנגד־רב האָט נישט געשריען, נישט געשפרונגען ביי תפילה
און אַ מאָל, גאָר פשוט, ווי אַ פשוט ייד געדאַווענט;
דער חסיד האָט געהויבן הענט; פונקט ווי צו נעילה
זיך געוואָרפן, געשליידערט און קוים געזשאַוועט...
אַ קעגן שול אַ מאַרק, וואו פישער, קצבים און קליין הענדלער,
מיט חזיר־האָר, מיט טכוירן־פעלעכלעך, מיט טרוקן שוועמלעך
און טישלעך מיט כל־ערליי נאָדלען, פאָדעם און בענדלעך:
אַנדערע מיט זאָקן, קנעפּלעך, שפּילקעס און קעמלעך.
אַך, ס׳בענקט זיך, נאָך האָמליער בולוואַרן,
וואו יידיש לשון האָט אזוי געקלונגען געשמאַק;
דעם טערקס פּיראָזשנעס — מיט צימערינג סוכאַרן —
דריי קאָפּקעס אַ שטיק; צוויי פּאַר אַ פּעטאַק.
פרייטיק, די שבת־פיש, מיט מאָן דער פלאָדן;
די חלה האָט געשמעקט; דער פלוימען צימעס
און נאָך דער וועטשערע, מיט אַ פולן בויך געלאָדן
אַוועק שפּאַצירן, אויפן בירזשע, מיט פויגעלע שימעס.
און שפּעט אין מיטן נאַכט, מיט אויגן פאַרשלאָפטע
צום טערק אַריין אַ נאַש טאָן, אַ פּיראָזשנע שטיקל פלאָדן.
אַהיים געקומען, טאַטע אין אַ ספר פאַרטאָן, האָט מיך אויסגעשטראָפּט:
אַך, אַך זון מיינער: אַ מדינה דאַרף אַ קיסר האָבן.
איך ווי ניט הערנדיק, פאַרקוקט, זיך געלייגט אויפן קאַנאַפּע.
די שבת ליכט האָט נאָך געגרויכערט; טאַטע זאָגט תהלים מיט התמדה.
לעבן הרובע האָט די געלע קאַץ זיך געוואַשן מיטן לאַפּע
און טאַטע האָט זיך צעזונגען, מאָדנע, מיט אַ ניגן פון הגדה.
אזוי האָט ער געלערנט, ביז ליכט האָבן אין זיך איינגעצויגן
האָט ערשט, דער טאַטע, זיך אויסגעצויגן
און זיך אויסגעגענעצט און זיך געריבן די אויגן
און שטיל געמורמלט אַ קיסר, מוז אַ מדינה האָבן
און אַוועק זיך שלאָפן לייגן.

צו ליב

ווי אַ קראַנקער בוים, פון האַק צעשמעטערט,
איז דיין קראַנקער קאָפּ צום ברוק געפאַלן: —
דו האָסט צו הויכקייטן נישט געקלעטערט,
נאָר העלקייט איז פון דיר אַרויסגעשטראַלן,

האָסט געליבט דאָס שיינקייט אין דעם מענטש;
דיין בעסטן חבר טאַדלען נישט געזשאַלעוועט:
האָסט דעם ערלעכן תמיד נאָר געבענטשט,
געהאַסט דעם טומלער, וואָס באַראַבאַנעוועט...

האָסט געליטן פאַר יענעמס טעגלעכע ליידן,
געוואָלט די וועלט, אָן שלעכט, אין פורפל זען;
דעם קרומען וואָרט פון צונג אויסשניידן: —
„לא תרצח", ליב — האָט גערופן — דיין פען.

האָסט קינאה פון האַרץ, געזוכט אויסצוקניפּן,
מחילה געבעטן פאַר אַ ביטערן וואָרט;
פיל מאָל אַרויס איז, נישט ריין, פאַר דיינע ליפּן —
האָסט גלייך מחילה געבעטן: אַלץ זיך גערופן אין קאָרט...

אַט ערשטע געוועזן צוקער־זיס; אָט ביזטו סם־המות!...
„אָט אַ דאָקטאָר דזשעקל און אָט אַ מיסטער הייד"!
נאָר נחר, האָב איך אַנטדעקט מיין טעות —
ווען דער ווּסט זיך — פון וואָס דו ליידסט.

כ'האָב זיך אַ נדר געטאָן; מעג דריקן מיר ווי שווער...
כ'זאָל דיין לייד, דיין וויי, אַביסל גרינגערן.
פלעגסט זאָגן: ס'איז דיין הויכער־בלוט־דרוק" — ווי איצט איך הער:
„איר — דיימאָנדשטיין, מיין פריינט, איר זאָלט אויף מיר נישט פינגערן"!...

1952

האב מיין גורל געשאצט

האָב מיין גורל געשאָצט
נאָך די פריעריקע יאָרן.
האָב מיין מזל געמאָסטן —
איך האָב זיך באַשוואָרן,
מער קיין באַשלוסן ניט שליסן,
ביז איך וועל קלאָר ניט וויסן.

טראָג איך דעם גורל ווי דער ייד
טראָג זיין יאָך, און ווערט נישט מיד —
שוין במשך אלפים יאָרן.
זינגט ער האָט זיין לאַנד פערלאָרן: —
דערפאַר מיט בטחון זינג איך מיין ליד.

טאהאנגא קאליפארניע*

שוין דריי טעג, סע פליאַכעט דער רעגן,
עס שטורעמט, עס בליצט און עס קראַכט.
פאַרגאָסן די גאַסן, די וועגן,
ס'וועט גיסן מסתמא, די נאַכט.

עלף חדשים, זון האָט געבראָטן,
צעטריקנט ביימער און גראָז;
איצטער האָט רעגן צעקנאָטן,
וואָס זון האָט פאַרהאַרטעט, ווי גלאָז.

היצן האָבן וועלדער צעצונדן,
ערד האָט געשפּאָלטן פון היץ:
ביימער צעקראַכט און מיט ווונדן —
פילע פאַרשלונגען פון בליץ.

בוים און זאַנג, טיף אין ערד, איצטער וועבן.
דער רעגן האָט געבראַכט נייעם לעבן.

נאָכן רעגן האָט זיך צעזונגען פויגל אין וואַלד,
דער ערשטער, האָט זיך באַוויזן, דער וואָרים — באַלד,
אויף אַ טרוקן בוים האָט זיך געכאָפּט אַ בלאַט —
ס'טראָגט אַ פויגעלע אַ וואָרים, זינגענדיק פון וואַלד.

די ערד האָט געאָטעמט, געוואַרעמט פון זון;
געריעט אין ערד האָט די גרויסע — ראַבע הון.
די הינער, די קאַטשקעס, האָבן אייער געלייגט:
קאַ־קאַ, קוואַ־קוואַ, ווי פון ערד וואָלט געזייגט.

די זון האָט געשמייכלט, וואַרעם געגלעט,
האָט מיט די שטראַלן — אַ גרינבעט — געבעט.
די שטיינער, די נאַסע, געבעזעמט מיט שטראַלן —
ניי לעבן, ווי מיט טרוימען — לופט האָט געשאַלן.
אויפן קירכע מיין טויב האָט זיך געזעצט אויפן צלם
און איך זינג אַ שיר, צום רבונו־של־עולם.

---

* ווו איך האָב געשאַפן סקולפּטורן און צענדליקער ביכער און מיין זשורנאַל די „ליטעראַרישע העפטן".

איין וואַר איז אָוועק, האָט זיך צעשמייכלט מיין גאָרטן.
מיטן ריח פון בלי פון ציטראָן, אַפּריקאָסן;
מיט בלומען און פאַרבן און פילע קאָלירן;
ווי אַ כלה אין גאַלאַנדרע זיך גרייט פאַר איר חתן.

מיין זינג־פויגל האָט זיך צעקושט מיטן ווייב,
אַ שירה צו גאָט, מיט אַ טריל זיך צעזונגען:
מיין ווייסע חד־גדיא האָט מיט פריילעכן — מע!
האָט אַזש פאַר פרייט זיך צעשפּרונגען.

די טויבן, האָבן זיך צעבורקעט און גערופן צום בעט
האָט דער ער, די זי, מיט ליבע און מיט געדריי;
טאָקע אין זעלבן נאָכמיטאָג — האָט אין אַ ווינקל
די קלאָר־ווייסע טויב, געלייגט אַ ווייסע איי.

שטיי איך און קוק: רבונו של־עולם,
אַ ריר מיט דיין פינגער — מאַכסט אַ וועלט פון אַ גולם.

ס'איז דער מאַי געקומען, אין סאָד זיינען פרוכטן רייף:
אפּריקאָסן, פלוימען, פייגן און גאָלדענע־ציטראָנען
בליצן אַראָפּ פון די צווייגן, מיט נייעם בלי ביים זייט —
די „אַוואָקאַדאָס" צווייגן, הייגען ווי פאָנען.

דאָ אין „מלאכים־שטאָט, און אין „טאַהאָנגאַ",
שפּילט מיט קאָלירן־פאַרב אויפן בוים און בלום;
גאַנצע עלף חדשים בלענדט דער הימל־בלאָ
אָטעמט מיט רפואה־לופט־אַרום־אַרום.

פון די בערג אַרום שלאָגט קראַפט — אַ פעסטונג,
דורכן־טאָג פאַרבט זון שאָטן־פאַרבן פיל:
אָט העל, אָט בלאָ, געלבלעך־רויט, אָט טונקל־גראָ —
די זון אין קרייז אויף בערג, זי שפּרינגט אין שפּיל...

די, טאַהאָנגאַ, דאָס געבענטשטע ווינקל אויף דער ערד:
דיר, קאַליפאָרניע, טאַהאָנגאַ צו האָבן איז באַשערט!

1952.

לעגענדע

(פאַר גרויס און קליין)

אַ יידישער פאַרמער, האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט,
ס'איז געקומען אַ ביטערער יאָר פון טרוקן;
ס'איז אַלץ פאַרוויסט געוואָרן ווי נאָך אַ שלאַכט,
עס איז געווען אַ ביטער שרעק צו קוקן...

די בהמות שטעקן די צינגער אַרויס;
ריען, זוכן אין וויסטן ערד;
אַזוי ווי אַ מענטש וואָלט געריעט מיט פויסט;
תבואה ליגן, ווי פאַרשניטן מיט אַ שווערד...

שטייט דער פאַרמער פאַרצווייפלט, פאַרלאָרן, פאַרטראַכט,
די זון שרפה'ט ווי פייער.
די ברעטער פון שטוב, ווערן לויז אָפגעשוואַכט:
ס'דוכט זיך פון היץ וועט אָנהייבן ברענען דער שייער.

די פאַרמערקע לויפט אום, ברעכט זיך די הענט;
הינער, זיי פאַלן ווי פליגן,
די ביימער פאַרטריקנט און אַלץ איז פאַרברענט
און ס'מעקען, און בעטן די ציגן...

האָט דער פאַרמער אויפגעהויבן זיין האַנט
און האָט געשוואָרן צו גאָט:
אויב ברענגען רעגן, וועט ער צו זיין לאַנד
וועט ער די תרי"ג מצוות היטן פון זיין געבאָט...

האָט אַ ווינט גענומען צו רייסן די ערד
און וואָלקנס פאַרדעקט האָבן זון
און ביימער געריסן און אַלץ איבערגעקערט
דער פאַרמער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טון.

און גלייך האָט גענומען דונערן, בליצן
אַ'ן בערג האָבן זיך ברעכן גענומען;
און טומל און גערוישן און געקריצן
און אַ גאָס רעגן — איז געקומען!...

איז דער פאַרמער געפאַלן מיטן פנים צום פלאַך
און געקייט דאָס פייכטע, אָפגעקילטע ערד:
און בהמות און עופות און ציג אויפן דאַך
געלאָפן צו די קאָרעטעס, וואו רעגן האָט זיך געהערט...

אין עטלעכע שעה, האָט זיך ערד אָנגעזעט,
די קאַרעטעס פולע ביזן ווערך.
קאַריק פון שטוב געוואָרן ברייט איז די ברעטער
און אַלץ איז געגאַנגען אויפן געוועזענעם דרך...

די זון איז אַרויס און איבער וואָלקן האָט געבלענט,
אַ האַלב־רונדער צעפאַרבטער רעגנבויגן.
דער פאַרמער מיט תפילה געהייבן האָט די הענט —
גאָט! דיינע וואונדער זעען מיינע אויגן...

און קיל איז געוואָרן און לופט האָט פאַרפיומט,
די פאַרוויאַנעטע קוסטן האָבן זיך צעבלומט
און דער פאַרמער האָט געהייבן ווידער די הענט: —
אדוני אחד!... איך בלייב אויף תמיד דיין דינער — איך האָב דיך דערקענט.

צדקה

בעט און דו זאָלסט קריגן; / דאָס בעסטע איז צו געבן.
גיב און דיר וועט געגעבן ווערן, / פאַר ליבן און געבן מיר לעבן.
תמיד זוכסטו נאָר קריגן? / נאָר זוכן פאַר מער און מער?
פרייט אויף אַריינקומענדיקן! / פאַר אַ גוטן מענטש פאַרמאַכסט די טיר
— שווער!

„וואָס איז אַ האַנט פול מיט מעל און אַביסל אויל"
און עטלעכע שטיקלעך האָלץ, פאַר דאָס פייער, / פאַר דיין תרחה איז וואָיל!
גיב צו אים, ווער ס'בעט דיך, / ס'וועט גענוג זיין פאַר אים און פאַר דיר;
ברויט פון אמת פון הימל, / אויל פון צדקה ביי דיין טיר.

לידער

לידער פון דערהייבן
זיינען די לידער וואָס כ'שפּין פון יאָרן,
די לידער וועגן קינדער,
וואָס לאַכן ווען זיי שפּילן.
די לידער וועלן זינגען,
די ליכט־יקע לידער פאַר מיר.

לידער פון פריילעכקייט,
פון קושן און ליבע;
פון גלויבן אין גאָט,
וואָס שיקט פון אויבן
די זון־שיין צושפּרייט

די שרעק און די אומעטיקייט;
די זוניקע לידער וועל צוזינגען,
די לידער פון גוטמוטיקייט.
לידער פון פריילעכקייט,
אַ, זינג זיי ווידער;

די בראַווע לידער פון קוראַזש,
וואָס דערוואַכט צום מענטש
פון האָפענונג און צוקונפט
פון הימל און ציל
די לידער פון פריילעכקייט,
וואָס שטאַרקט די נשמה.

מיינע טרוימען צו וועבן

„וועמען גאָט ליבט, דעם שטראָפט־ער"
און אפשר, רבונו של עולם, האָסט מיך ליב?
ווייל דו שטראָפסט מיך זייער אָפטער
און מאַכסט מיין הויקער־לעבן — זייער טריב.

וועמען גאָט ליבט, דעם שטראָפט ער.
אגב, מיר, האָט דיין שטראָף צו ערד געבויגן:
אַ מענטש אָן מזל — לויבט גאָט, און תמיד האָפט ער,
ער וועט זיין קרומען וועג אויסגלייכן פאַר זיינע בלינדע אויגן.

איך האָב געהאָפט, געהאָפט, געלויבט זיין נאָמען:
אפשר, אפשר וועט ער מיין תפילה דאָך דערהערן;
נאָר ליידיק איז מיין פעלד, הגם געזייט האָב פולע זאָמען: —
וואָרום צאָלט מען ב י ט ע ר, פאַר ה אָ נ י ק, כ'קאָן דאָס ניט דערקלערן.

סוף אדם למות: וואָרום איז מענטש אַזוי גייציק?
עולם־השקר, מיט געוואַלט, העגעמאָניזירט און דריקט.
בהמיות, דער וואָלף פאַרצוקט דאָס קליינעם „זאַיציק".
דער בער זיין קרבן מיט די לאַפּעס דערשטיקט.

שווער צו לעבן אַ־לעם צווישן חיות.
שווער דערלעבן אָן ערלעך מענטשן צווישן גזלנים; —
ווי לאַנג וועט דאָס זיין רבונו של עולם — רמאות?
שווינדלער, בעטרוג, ניט פאַר קנאה און שונאים.

גאָט, גיב מיר אַ שמאָל־ווינקל מיינע טרוימען צו וועבן;
איך האַלט זיך קוצו של יוד, וויל אין שטילקייט אויסוועבן...

איך לייען

איך לייען אין צייטונגען,
איך לייען אין ביכער,
איך הער אין די ראַדיאָס —
מיר זיינען ניט זיכער.

מען האָט אונדז געגאַזט,
געשאָסן, געברענט;
מען האָט אונדז געמאָרדעט;
מען האָט אונדז געשענדט.

גאָט, ווי קאָנסטו שווייגן,
ווי קאָנסטו דערלויבן?
מיר זיינען דיין פאָלק —
מיר האַלטן דיין גלויבן.

דו האָסט אונדז פאַרשאָלטן,
דו האָסט פאַראַכט:
אונדזער לעבן איז פינסטער —
נאָך פינסטער פון נאַכט...

געזאנג צו
און מיט גאט

אויב

אויב לעבן וואָלט געווען נאָר טאַנצן און זינגען,
קיין מאָל קיין צייכן פון ליידן.
אויב לעבן וואָלט פריילעך נאָר זינגען
און קיין מאָל קיין דאגה אויסמיידן.

אויב לעבן וואָלט געווען גאָרע פריילעכקייטן
און קיין מאָל קיין פליכטן טאָן — גיין,
אונדזער וועג וואָלט אונדז אויסגעמאַטערט — ווען
וואָלטן מיר וועבן די פליכטן, פאַר צוויי.

אויב תּמיד וואָלט געווען בלויע הימלען איבער אונדז,
וואָלטן מיר וווּנדערן זיך אויף פּשוטע גרויע — אונוואָר
אויב מיר וואָלטן תּמיד באַדינען יענע, וואָס ליבן אונדז
קיין מאָל אונדזער פלאַן געווען אומקלאָר?

אויב קיין מאָל וואָלט געווען קיין שרעק פאַר באַנקראָט;
אויב באַנקראָט וואָלט קיין מאָל ניט שרעקן געהאַט,
וואָלטן מיר געהונגערט לאַנג פאַר אַ גאָט,
וואָס וואָלט זיך ציען צום זיג און צו זאַט...

א ענטוועך גאָט

פון וועמען זאָל איך נעמען דאָס וואָרט,
וואָס זאָל אויפוועקן געוויסן פון דער וועלט?
וואו זאָל איך געפינען דאָס אָרט,
וואו דער אמת שטייט אין מזרח און העלט?

וואו קריגט מען דעם כוח און קראַפט,
צו אָפּשטעלן דאָס ברוטאַלע האַנט?
וואָס מאַכט קראַנק די וועלט און פאַרשאַפט —
אַ חורבן אין יעדן לאַנד...

אָ גאָט, גיב מיר זעאונג, פאַרשטאַנד;
גיב מיר נביאישן וואָרט אין מיין מויל,
צו דער זינדיקער ברוטאַלער האַנט,
וואָס פאַרשקלאַפּט די וועלט אונטער זיין זויל...

נאָך מער איז דיין פאָלק אונטערדריקט:
אָ גאָט, וויַיז דיין נס ווי אַ מאָל;
ניטאָ שוין — דער אָטעם — ער שטיקט —
אָ ענטוועך, גאָט, לאָז הערן דיין קול!...

מיר אנטדעקן רפואות

איך לייען און לייען לשונות פאַרשידן:
ציַיטונגעץ, ביכער, זשורנאַלן.
און לייען, נאָר צרות, פאַרפאַלגונג אויף יידן:
ווי לאַנג גאָט וועסטו, קוקן און שווייגן?
און גאָרניט אַהעלפטאָן, דעם וואַנדערן מידן!

צו וואָס האָסטו באַשאַפן — דעם יידן — צו ליידן?
צו טראָגן דיין עול און ווערן געטראָטן?
וואו נאָר אַ צרה, וועט אים ניט פאַרמיידן:
ביילבולים און האָס־סם און איז לעזאזל
און אומעטום וויל מען אים אין שטיקער צעשניידן...

צי האָסטו פאַרגעניגן פון אונדזערע פּלאָגן?
און וואו ס'איז אַ צרה זי קומט אונדז אַנטקעגן
און ווער ס'האָט געגנב'עט: אויף אונדז טוט מען זאָגן!
און מיט שטיינער פאַרלייגט מען אויף אונדזערע וועגן
און שווער איז דער יאָך און דיין נאָמען צו טראָגן.

וואָרום זיינע מיר דער וועלט אַזוי גרויס אין די אויגן?
מיר אַנטדעקן רפואות, זיי — לענגער צו לעבן.
און וועלט אונדזער בלוט — טרינקען און זויגן,
וואָס מערער מיר שאַפן פאַר זיי, איז נאָך מערער
זיי מאַטערן אונדז און אונדזער רוקן זיי בויגן!...

גיב שלום

דערפרייט זיך פינגער מיינע
די פאַרשטייפטע פויסטן פון נעכטן
און דער קריץ פון ציין
קעגן שלעכטן.
איז רואיק היינט!
זינט מיר עקזיסטירן האָט מען אונדז פיינט.
מען האָט אונדז פיינט ווייל מיר זיינען
זונען, וואָס לייכטן און שיינען!

מיר זיינען עם ישראל
און גאָט איז אונדזער גואל —
פלעכט אָפּ די פינגער פון דיין האַנט
און גיב שלום, וברכה צו דיין לאַנד...

גאט, ווו איז מיין טאטע מאמע

גאָט פון מיין טאַטע און מאַמע:
הערסט ניט דאָס קלאָגן און געוויין?
האָסט שוין חרטה — מסתמא:
דו דאַרפסט זיך באַשטראָפן אַליין!

ווי שווער איז דיין משפט, דיין חטא:
מיין טאַטע, האָט אין דיר שטאַרק געגלויבט;
מיין מאַמע, האָט מיט דיין נאָמען גערעדט:
זיי, ביידע, אין דיין הבטחה געגלויבט:

געפאַסט — מאָנטיק און דאָנערשטיק —
מיט פשוטע, שניידערשע, דיבורים געדאַוונט:
געלאָפן אין קאַיאָר בעפאָר פרישטיק;
תמיד געאיילט און געהאַוונט!

האָט תרי״ג מצוות געהיט:
נישט ערגער ווי דער רויטער, רב בער.
הגם, די דאגה האָט געבליט:
דיין תורה היטן, געווען ניט שווער...

— גאָט ווו איז מיין טאַטע מאַמע?
זייער אַש האָט דער ווינט צעשטויבט;
אפשר ווייסטו בעסער, וואָס דו טוסט מסתמא?
אגב, פון מיר האָסטו זיי גערויבט!...

ווי פראַקטיק איז דיין וועלט

איך שלינג אין מיר די זאַפטקייט
פון דער לבנה נאַכט,
ווי איך וואָלט פון אַ חלום
פלוצים אויפגעוואַכט.

עס האָט זיך אַלץ צעזונגען
פויגל, זשאַבעס, טייך;
אַזוי ווי אַן אָרקעסטער
געשפּילט וואָלט איצטער גלייך.

איך בלייב ווי איבערצויבערט
פון דייכן ריטמיש כאָר;

אַזוי ווי ס'וואָלט געשפּילט איצט
פידלען, פויקן גאָר.

און רואיק שווימט לבנה
און הימל בלוי באַקראַנצט
מיט שטערן, העלע רויטע,
אַ זשאַבע שפּרינגט און טאַנצט.

איך שריי אויס: גאָט אין הימל!
ווי פּראַקטיק איז דיין וועלט:
נאָר פאָר איינעם איז דאָ צופיל
און אַ צווייטן צופיל פעלט...

נישט אפשטעלן זיך פאר ליידן

ווען זון גייט אַרונטער מיט קאַלירפולע פאַרבן
גאָט וועט ניט פאַרגעסן
און פאַרהילט די סטעזשקע אין וואַלד,
טראַכט איך ביי זיך: ווען איך וועל שטאַרבן,
צי וועט מען פאַרגעסן מיך באַלד.

די לבנה שיפט זיך אויף איר האָרן
און ס׳פינקלען די שטערן אין טונקל גרויען הימל:
האָב מיינע געדאַנקען ניט פאַרלאָרן,
זיי שפּילן אויף סטרונעס אין הימל.

כ׳וועל צערייסן דעם „טראַנס״ דורך זיך ווענדן
און איינגעשפּאַרט זיך שטעלן אַקעגן:
ווי (אַ שלעגער) פערשטייפן די לענדן
און דעם נישט גוטן פאַרשטעלן די וועגן...

נישט אָפּשטעלן וועל זיך פאַר ליידן.
מיט מוט, ווי אַ יאַכט־הונט, קעגן לייב!
אַ טרוס, קאָן איך ניט פאַרליידן! —
מורה: צום וואָרט בין איך טויב!

ס׳וועט די צייט דורך שמערץ זיך אויסשיילן
און אויפלייכטן מיט שטראַלן פון זון
און די סם׳איקע ווונדן אויסהיילן
און פאַרשטייפן דעם ווילן, ווי טשוגן...

זיך אויסטאָן און ריין זיין פון דאגות,
זיך טוליען און לויבן וועל גאָט.
באַליידיקן! וועל זאָגן: כ׳פאַרשוויג־עס!
הגם, ביטער, איר האָט מיך באַגאָסן מיט שפּאָט!

יא געפונען

ס׳ציטערט דאָס לעצטע וואָרט פון מיין ליד,
ווי אַ וויינענדיקע ווערבע, אין אַ שטורעם־ווינט;
די ערד מיט פראָסט — ס׳ציטערט דער וואַנדערער,
ווי אַ פאַרלאָרן קינד.

מיט פייער אויגן, ווי אַ קאַץ, — זוכט אין נאַכט,
ווי פאַרלאָרן שפּאַנט דער קלאַנג פון מיין ליד,
זוכט דורכשפּאַלט־לאַדן, וואו אַ זינגער וואַכט!
— יאָ. געפונען: ס׳ריכט אָפּ חצות, מיט אַ ניגן, אַ ייד...

מיט דעת

ביד רמה, האָב איך אויפגעהויבן מיין קאָפּ
און איך בין געגאַנגען מיין אָנגעצייכנט וועג.
מיט בטחון — זיך צוזונגען מיט טראָפּ,
איך האָב דורכגעשפּאַנט מיינע שווערע טעג.

מיט פרומען דמיון, מיט פרייען אָטעם, מיט דעת
האָב איך דורכגעהאַקט די פעלזיקע וואַנט;
די וואַנט פון פיינדשאַפט, נאָר אָן האַס
און אַזוי האָב איך מיין דרך געשפּאַנט.

יום ולילה, איך דאַווען מיינע לידער.
איך וועב זיי רצועותדיק און שטעל
זיי אין ריי: שלייף זיי ווידער און ווידער
און באַציר זיי, ווי אַ מזוזה איבער מיין שוועל.

מיט פרומען גלויבן, מיט דמיון, מיט דעת,
גראָם איך יעדן פערז אויס — באַקרוינט.
בלחש. כאַטש זיי דונערן מיט בליצן, נאָר אָן כעס —
מיט בלומען־ווערטער, מיט רעגנבויגן־פאַרבן — זיי באַחנט.

נישט פאַרשעמען

אויסגעמאַטערטע גייען מיינע חלומות פאַרביי
דאָס ליכטיקן ווינקל־ראָג,
ווו מיין טאַטע האָט מיך אין חדר געפירט
און צו מיר, אָט אַזוי, געטאָן אַ זאָג:

— גאָט פון אברהם פון יצחק און יעקב
געבענטשט זאָל זיין זייער נאָמען:
— דו הערסט מיין זון, דו הערסט?
זאָלסט די אבות ניט פאַרשעמען:

איך פיר דיך אין חדר מיין זון,
צו לערנען, ווי אַזוי גאָט צו דערקענען
און דיין טאַטן און דיין מאַמען
און כל־ישראל ניט פאַרשעמען.

זאָלסט תורה לערנען און תורה קענען
ווי דיין זיידע זאָלסטו אַלץ פאַרנעמען:
ווי פייער, דיינע דיבורים זאָלן ברענען
און גאָט נישט פאַרשעמען...

האַלט הויך דיין פאַן

האַלט דיין האַרץ פריילעך און להכעיס די טרערן,
האַלט דיין האַרץ יוגנטלעך און להכעיס די יאָרן.
האַלט דיין גלויבן שיינען להכעיס לעבן שווערן,
וואָס קומט אַראָפּ מיט ליידן — ווערסט אויפגעריכט געוואָרן.

האַלט די הענט שטייף, האַלט די הענט אמת׳דיק
האַלט ניט נידעריק דיין אַרבעט, וואָס דו זאָלסט ניט טאָן;
האַלט דיין לעבן ריין און וואַנדער־וועג עסענדיק,
וואָס דיר זאָל ניט טרעפן, האַלט הויך די פאָן.

האַלט זיך שטאַרק אין ליידן; די קני שטייף אין אָרט.
האַלט שטאַרק דיין האָפן, מורמל דיין געבעט;
האַלט דיין גלויבן שיינען, לאָז הערן דיין וואָרט — :
פרידן און צופרידנקייט: ווערסט שלאָפן רואיק אין בעט. 1930.

גאָט צו וועמען קאָן איך ריידן?

צו וועמען זאָל איך ריידן
ווען האַרץ מאָנט די פאַרגאַנגענע?
אַוועק, פאַרשוואונדן; ניט געשיידן,
די געפאַנגענע.

וועמען זאָל איך דערציילן
ווי די וואונד פון בייַנקשאַפט שניידט?
קיין רפואה קאָן נישט אויסהיילן —
די היטלערצייט.

ווען וועל איך אויפהערן צוקלאָגן
נאָך מיינע טייערע, פאַרשניטענע?
וועמען קאָן איך בעטן, ווער קאָן זאָגן,
ווי צו טרייסטן די גליטענע?

קאָן מען טרייסטן אַ מוטער ווען אירע קינדער
ווערן פאַרצוקט פון אירע הענט?
און מען פירט זיי, צו דער שחיטה, ווי רינדער,
צו ווערן פאַרברענט?

גאָט צו וועמען קאָן איך ריידן,
מיין פאַרפייניקט האַרץ?
ווער איך פאַרטרונקען אין מיינע ליידן
פאַר די אויגן שאָטנס שוואַרץ...

הינער פלעט

עס רייסט זיך פון מיר ווי אַ חיה
און גיט ניט קיין רו מיין געמיט;
ווי איך וואָלט געגאַנגען צו מיין לויה —
אַ גאַט, פון בייזקייט מיך באַהיט.

דער מוח ער ברענט ווי אַ פייער:
איך ווייס ניט, צי לעב איך, צי טויט;
איך טראָג זיך אין לופט ווי אַן אָדלער,
מיינע הענט, ווי פליגלען צעשפרייט.

און געשטאַלטן פון ניט דאָאיקע ברואים,
יאָגן מיך נאָך צו פאַרצוקן:
איך פלי, און זיך וואַרף אין עינויים
און אַט נאָענט, צו מיר זיי זיך רוקן.

איך שריי און איך רוף, בעט רחמנות
און קיינער עס הערט מיין געבעט.
— איך רוף גאָט דיך — מיט גאָר די קינות —
איך כאַפּ זיך אויף פון מיין הינער־פלעט...

עס פליסן פון מיר, קאַלט־הייסע טראָפּנס,
איך ליג ווי אַ פלאַכע פאַרשוואַכט,
און ליכט שוין ברענען צוקאָפּנס:
ווי איך וואָלט טויט געווען נעכטן ביינאַכט!...

נביאיש

זינג אויס דאָס וואָרט, וואָס דאַרף קומען.
טאַנצטאויס דאָס פריילעכקייט, וואָס וועט זיין.
וואַרף אָפּ דעם עול פון דורותדיקע תקופות,
צעשנייד די פינסטערניש; ברייננג די ליכט אַריין.

צו פאָכער־צייט, מיט דרום׳דיקע ווינטן.
קיל אָפּ דאָס טרוקענע, פאַרהיצטע ערד;
לאָז פאַרגאַנגענהייט פון וויי און זאָרג אַהינטן —
גאָט זאָגט: „ס׳איז אַ שיינע וועלט פאַר דיר באַשערט.

חלום אויס, דעם חלום, פון דער עתיד,
שטראַלנדיק, מיט אַ הימל־בלאָ;
אַ שמייכלענדיקע, מיט ראָזעווע האָריזאָנטן גלעטיק;
ס׳איז נישט קיין חלום — ס׳וועט זיין — ס׳קומט די שעה — — — —

גייסט היינט צו מזרח און צו מערב

גייסט היינט צו מזרח און צו מעריב,
דיינע אויגן וועלן האָבן אַ סעודה היינט,
ווייל דאָרטן איז שיינקייט, וואָס איז אַלץ,
געשמאַק, אומעטום שיינט!

מעגלעך ס'וועט זיין, ווען שטרעבן איז אָפּגעטאָן,
און דאָס גאַנצע מלאכה איז אָפּגעטאָן,
די פרייד, די רייץ, זאָל זיך באַזעצן —
האַלט דעם פאָדים פון טראָן.

אָ, תמיד, ווידער מיטן הערבסט,
ווען שיינקייט דעקט צו אַלץ ווידער;
געדאַנקען קומען צוריק: אויב גאָט באַלויינט —
די פשוטסטע טרויבן אויף די צווייגן־גלידער.

אויב די רייכקייט באַקריינט זייערע טעג צום סוף,
זאָלן מיר נישט הערן זיין לויבן צום סוף,
זאָל מענטש נישט טראָגן אַ פינקל פון שטאָלץ?
פאַרוואָס נישט זאָגן: איך גלויב און האָף!?...

1958.

א, גאט, האסטנישט געהערט?!

דאָס אויסגעאייטערטע־אויג פון זאַלציקע טרערן
האָט ס'איינגעצויגענע־ווייסל אויסגערויטלט מיט שליימיקע בלוט
פון שטענדיקן אויפוועקן פון נעכטיקן שווערן,
ווי דונערן קנאַלן; ווי בליצן שניידן מיט אַ קנוט.

די נעכטיקע קולות, די פאַרגוססדיקע־שטימען, רייסן,
מאָנען, רעוועדיק, גערעכטיקייט פון רבונו־של־עולם.
דעם לעצטן אָטעם, וואָס קורצט, פאַר לופט פינגער בייסן —
פאַרגליווערטע שטייען, פאַרבלויטע; אַ פאַרשטיינערטער גולם.

די פאַרזיסלעכע־גאַז האָט איינגעקאָרטשעט, אויסגעזויגט די לונגען;
קינד און פרוי און יונג און זקן;
ס'ציטערט דאָס כאָרכלען פון אויסגעצויגענע צונגען —
ס'רופט צו גאָט, דאָס לעצער זיפץ, און ס'שרייט ווי גלאָקן...

ס'ציטערט אָפּ, ווי אַן עכאָ געבעט — שלאָגן אין די שלייפן:
אָ, גאָט, אָ גאָט, האָסט ניט געהערט געשריי פון זויג־קינדער?
אין מיין פשוט מח וועבט זיך, קשות, קשות ניט צו באַגרייפן —
מלאכימלעך, אומשולדיקע, האָט מען אויסגעשאָכטן ווי רינדער...

דאַוונט נעילה

איינגעהילט אין טלית דער בעל תפילה,
מיט אַ וויינענדיקער שטימע דאַוונט נעילה.
רעדט צום רבונו־של־עולם מיט געבעט
זיין שטימע ציטערדיק — עפּעס גלעט.

ער הויבט הויבט די הענט אַרויף צום הימל,
ווי ער וואָלט געבענטשט גומל.
די טרערן פאַלן, פאַלן רינען
מיט יעדן וואָרט וויל ער געפינען:

חן, פאַרגעבן פון רבונו־של־עולם;
פאַרשטיינערט איז קהל ווי אַ גולם
פון זיין תפילה, פון זיין בעטן,
ווערטער ציטערדיק שמעלצן גלעטן.

טרערן פאַלן, פאַלן, — אויף באָרד די גראָע
עס שיינט אויף טלית די גאָלדענע עטרה,
אויפן מחזור פלעקן, טרערן הייסע
און די וואַקס זויגן קנויטן גרויסע...
איינגעהילט אין טלית דער בעל־תפילה
מיט אַ ציטער שטימע — בעט ער — דאַוונט נעילה...

דערגרייכונג

איך דיינק קיין אומגליק איז געקומען אין מיין וועג
נאָר ס'איז געבליבן גליק פאַר יעדן ווייטיק.
ווען איך, מיט צווייפל, זיך אַקעגן שטעל
און וואָג צו האַלטן די מורא פון מיין ברעג.

וואָס זאָל ניט קומען, דער אויסקום פון טאָג,
תמיד, שטאָלץ גיי איך מיט שכל מיין גאַנג
פאַרהאַלטן שטאַרק אַקעגן ווינטן וואָס טרייסלען,
און בראַוו, די רעזולטאַטן, וואָס זיין זאָלן ניט באַנג.

מענטשן געפינען קליינעם שטאָלץ, אין גאַנג, זוכן זיך אָפּצוהיטן,
געפאַר און טומל, ניט זיכער העלדן הויבן;
מענטשן, נאָך אַלעמען, לעבן־בראַוו זיינען צעפּרידן צו טיילן;
דעם ברייטן שמייכל, גרינגערן זיפצן, רואיקן, לויבן.

מענטש גרעסטע דערהייבונג, דיינק איך איז פון גאָט,
איז האָבן אַ געווינס, אַ זיג, אַקעגן דאָס אַלעס — האָט.

תפילה

מאָרגן ליגט איידל אויף פאַרחלומטע בערג ;
די מוזיק פון נייעם טאָג קלינגט אָפּ ווייט
איבער פעלדער, איבער וועלדער און טאָלן ;
גאָטס מאָרגן איז איבער אונדז : איבער צייט !...

מיט דעם באַשיצונג פון דיינע ארומנעמנדע פליגלען,
ווי זאָל איך לויבן — דיין נאָענטקייט פיל איך ;
דיין אַלעס פאַרמעג, דיין הייליק הייליק־וואָרט איז געזעץ,
וואָס בייט ניט יעדן מאָרגן, ווי אַ מענטש טוט עס גיך !...

ווי זאָל איך דיך דינען ? איך זינג אַ שיר פאַר דיר,
פאַר שיינקייט פון תפילה, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך
האַלטן פון דיין געזעץ — איז מיין גלויבן,
און באַאָבאַכטן, וואָס איז אומפאַרמעגלעך.

מיט פרייד און מוזיק צו דיר דאַנקגעבן ;
„גאָט איז מיין באַדאַרף און גרויס איז מיין פאַרלאַנג
צו וויסן, און, מיין קעגנוואָרט אין די שטילע שעהן,
צו אויפשיינען מיט פילונג, מיט געזאַנג.

מיינע פיס גייען אין וועג פון ליבעס געפיל
מיין פרייד ליגט אין האַלטן פון דיין וואָרט :
מיין גלאָז איז פול, און איבער די ברעגן — ;
פרידן שיינט איבער באַרג און טאָל : הייליק איז דיין וואָרט !

געבעט

אָ גאָט, איך וואַרט אין שוייגן און בעטן,
פאַר דיין שטילן וואָרט ; זאָג מיר ווי צו תפילה׳ן ;
באַשיידן, ווי איך שטיי איצט, און דיינק פון דיין מעכטיקייט ;
אָ, גאָט, דו ביזט די קראַפט איך דין דיך אין שטילן.

איך פיל דיין קעגנוואַרט, תמיד שטייסטו פאַר מיר,
אין די זיסע פאַרטראַכטונג געפין איך רו און פרידן ;
גיב מיר גליק, ווי די, וואָס קומען צו די זיגערס,
גיב מיר קראַפט, וואָס באַפרייט דעם מידן.

עפן מיינע אויגן דאָס איך זאָל דערקענען אַ פריינט,
ווי קליינע קינדער זיינען צופרידן און פריי ;
שטאַרק מיין האַרץ, דאָס איך זאָל גיין פאָרוועטס, אומבאַהאַלפן,
טרעטן מיין געצייכנטע סטעזשקע ; מיין באַשיצער זיי !...

הערט מיין שליח, וואס איך שיק מיט אים מיין ווארנונג

(פראגמענט — דער נביא)

איך רוף אייך ווידער און הערט מיין שליח, וואס כ׳רעד:
האב איך דיר באשאפן, צו טראגן האס צו דיין ברודער?
קין׳ס קין׳ס וואס איר זייט!
ווען וועט איר זיך אריינטראכטן, אז אייער לעבן איז קורץ.
וואס זוכסטו צו פארכאפן, דאס לעצטע ביסן פון דיין ברודער?
ווען אין דיין טעלער איז צופיל פאר דיין מאגן!
ווארום פארשאפט איר ווי, די אומשולדיקע, ווארום דערנידריקן?
קוקט אריין אין הימל, מיינע שטערן שיינען פאר אלעמען גלייך.
קוקט אריין אין הימל, די זון ווארעמט אלעמען גלייך.
זי שיינט און לייכט פאר אלעמען גלייך: —
לעבט און לאזט לעבן — וועט זיין שלום אויף דער וועלט!...
אלץ איז געבוירן־געשאפן פון מיין האנט.
זעט דעם מעכאניזם, ווי כ׳האב באשאפן דעם מענטש.
כ׳האב א הארץ און א מוח אים געגעבן.
א מאגן צו פארדייען. א צונג פו רעדן, אויערן צו הערן.
א נאז צו שמעקן, אויגן צו זען, א מוח צו דענקען;
אפילו דאס וואקסן פון דעם בוים, וואקסט נאך מיין ווילן:
זיין מאגן האב איך אין די ווארצלען געגעבן;
די חיות און פייגעלעך האב איך מיט מאגנס באשאפן;
דעם מענטש האב איך דערהייבן צו באהערשן זיי:
אבער הויזט אין שלום — דאס איז מיין באגער...
פעלקער, הערט צו צו מיין שטימע, וואס איך שיק אייך מיטן מענטשן קינד;
וואס ס׳קומט פון פאעטס מויל.
איך וועל אים טרייבן צו ריידן מיינע ווערטער:
ער וועט ריידן קעגן אייך — פארפירער — האסן טרייבער —
צינדער פון מלחמות — האס פון פאלק צו פאלק.
שלום וועט נאר קומען אויף דער ערד פון — ירושלים!...
פון דארטן וועל איך שיקן מיינע נביאים.
פון דארטן וועט איר מיין שטימע הערן: פון דארטן וועל איך
אייך לערנען, ווי צו האדעווען דעם שלום אויף דער ערד!...
וועט איר נישט גיין אין דעם וועג פון שלום
וועט איר זיך נישט צוהערן צו מיין רוף?
וועל איך אייער מוח שארפן, צו באשאפן א מאנסטער,
א מאנסטער וואס וועט אייך פארניכטן!
פארניכטן מיט דער ערד צוזאמען.
איך וועל אין מאנסטער כח געבן, דאס ער וועט די ערד
צעשטויבן און זי אויפלייזן אין — אטמאספער!...

ווען דער אומעט מאַטערט שווער

ווען דער אומעט מאַטערט שווער,
פאַרמאַך איך די אויגן און קלער
פון אַלט גאָר פאַרגאַנגענע־טעג;
אַט גיי איך אין חדר מיר דוכט;
אַ סידור, אין האַנט אַ פּאָר פּרוכט
און שפּאַן מיין שטענדיקן וועג.

די געסל אַ שמאָלע צום רוי,
כ׳מוז תמיד פאַרבייגיין דעם גוי,
סטעפּאַנען, און זיין שוואַרצן הונט — „זשוק.
ער בילט און ער רייסט זיך פון קייט;
ער וואָלט מיך צעריסן — געטויט —
פול איז מיט האַס אין זיין קוק...

רייד איך און פרעג זיך אַליין
פון קינדערווייז נאָר שרעק און געוויין:
איך פיל נאָך די קינדערשע שרעק.
— אָ גאָט; הער צו מיין געבעט,
אין מיין קינדערווייז האָט מיר קיינער געגלעט
און אַזוי איז מיין לעבן אַוועק!..

בלינדער אומגלויבן

זיין אויפטו טוט רייסן זיך גיך,
אויפוויקלען יעדע שעה ווער שטום;
דער שפּראַץ מעג האָבן אַ ביטערן טעם,
נאָר זיס וועט זיין ריח פון בלום.

בלינדער אומגלויבן איז אַ טעות, געוויס,
ער צעשפּרייט זיין מלאכה ניט אומזיסט;
גאָט איז זיין אייגענער אויסטייטשער
ער מאַכט עס גאָר פּשוט — פאַרזיסט!

ליכט אין דער פינסטערקייט
גאָט גייט זיין מיסטעריעזן וועג
זיינע וואונדער צו פאַרמירן;
ער זייט זיינע פוס־טריט אין דעם ים,
טוט אויפן שטורעם מאַרשירן.

עלנט

עלנט איז אַ צווילינג צו איינזאַמקייט.
ער האָט זיין קרבן לאַנגזאַם צעקייט;
הונגער איז אַ חבר פון נויט —
דער אמתער חבר — איז ברויט!...

א שיינק מיר גאט א טרייע ווייב

כ׳האָב מיין וויי אין מיר פאַרדריקט,
יעדן מיאוס וואָרט אין מיר אָפּגעפליקט;
כאָטש ס׳האָט דער אָטעם מיר געשטיקט —
קיין שלום־וואָרט האָט מיך פאַרוויגט.

די האַרץ זי בייַנקט פאַר אַ נאָענטן פריינט,
פאַר אַ בלאָען הימל, פאַר אַ זון וואָס שיינט;
פאַר אַזיכער היים; פאַר אַזיכער היינט
און פרעמד זאָל מיין לעבן — האָבן פיינט...

אַ שענק מיר גאָט, אַ טרייע ווייב,
וואָס זאָל מיט שכל, ווי מיט איר לייב,
נאָכגיין מיר אין מיינע טריט —
ביז מיין לעצטן אָטעם, ניט ווערן מיד...

גאט וועט ניט פארגעסן

מיט אַלטן בייַנקען און טרויער
זינגט אויס די נייע האָפנונג:
מעגן די וואָלקנס, גרויער און גרויער
צו מיין אומרו, וואָס מאַטערט — :
ס׳וועט אויסהאַלטן מיין דויער.

כ׳בין געוויינט פון צייטן ווייטע,
די גלות קייטן טראָגן
אַזוי ווי דער פערד
שלעפּט תמיד שווערן וואָגן.
אַזוי שלעפּ איך דעם גלות
און האָף מיט שטענדיקע קלאָגן:
עס מעג בלוטיקן מיינע מעת־לעתן,
נאָר כ׳טראָג דעם יאָך און וואַרט, האָף;
גאָט וועט ניט פאַרגעסן —
ער היט מיך, ווען כ׳בין וואַך און שלאָף!...

זיין העכסטמאכט

אונערגרינדלעך — שכלדיק,
קיין מאָל אָן טעות, מיט געשיקטקייט;
עס שיינט אויף זיינע ליכטיקע מאָלערייען,
עס מלאָכה׳עט זיין העכסטמאַכט מיט גענויטקייט.

זיין שרעקלאָזע הייליקייט, זיין פרישן קוראַזש;
די וואָלקנס זיינען אַזויפיל מיט שרעק:
דאָך זיינען זיי אַזויפיל מיט פאַרגעבונג (און ברייגנען)
מיט בענטשונג אויף דיין קאָפּ, נייע טעג...

אורטייל ניט דעם אויבערשטן מיט שלעכטע געדאַנקען,
נאָר גלויב אים פאַר זיין הייליקער מאַכט;
הינטער זיין שטרענגקייט פאַרזיכטיקייט בליצט —
באַהאַלט ער אַ שמייכלענדן פּנים ביינאַכט...

א ליד

זומערדיק האָט רואיק דער טיק־טאַק פון מיין פּולס
מיט זאַט געשמאַק, האָט מיין האַרץ־צוג געאָטעמט.
אין מאָרגן־בלוי, איז אויפגעגאַנגען אַ גליענדיקע זון,
געלאַשטשעט, ווי אַ קינדער־הענטעלע וואָלט געגלעט.

כ׳בענטש דיר גאָט, פאַר די רו, וואָס דו שיקסט אויף מיר
און יעדער אובר איז אין מקום, ווען איך טרעט:
איך בענטש דיר מיט אַלע מיינע חושים, אין יעדן שיר —
ביזן לעצטן אָטעם, וועל לויבן דיר ביים אויפשטיין, ביים גיין אין בעט...

א פאלקס־ליד

פרילינג, פרילינג,
לאַך דיין מיידלשן געלעכטער;
דערנאָך אַ רגע דערנאָך,
דערנאָך וויש דיינע מיידלשע טרערן.

פרילינג, וואָס מיינע אויערן
אויב איך זאָג דיר געליבטע,
אלע מיינע האָפנונגען און שרעק.

פרילינג פרילינג,
לאַך דיין גאָלדן געלעכטער,
וויין דיינע פּערלדיקע טרערן.

מיט זאָרג אויף מיינע פּלייצעס

מיט זאָרג אויף מיינע קליינע פּלייצעס,
האָט מיך צו יאָך שוין צוגעוויינט;
ס׳האָט קיינער מיר געגעבן עצות,
כ׳בין אַ גרויסער האָב איך שוין געמיינט...

קיין פרייד איז מיר געקומען אַקעגן
קיין זיס שמייכל האָט מיר קיינער געשענקט;
וואו געטאָגט בין דאָרטן נישט געלעגן —
נאָך מאַמעס בליק, האָט האַרץ געבענקט...

ווילנע, ווילנע

אויף דיינע גאַסן, און געסלעך,
האָב איך הונגעריק געבלאָנדזשעט.
געזוכט אַ תוכן
פון גאָר אין גאַנצן
און אַ צייכן
צו דערגרייכן.

אין שוביצער גאַס
האָב איך מיינע טעג פאַרשוויציקט.
אויף יידישער גאַס מיינע נעכט פאַרחלומט.
ביים ווילנער גאון׳ס פאַרשלאָסענעם שטיבל,
אַלע מעשות פאַרלייקנט.

געלעבט אויף גראָשענע וואָרמעס
אויף נדבה׳שע שטיקלעך פּאַפּיראָסן.
געחלומט פון אוטאָפּישע וועלטן
וואו, הינער מיט וואַרעניקעס וועט מען עסן...

אַך ווי ס׳בענקט זיך מיר,
נאָך דיין ראַזעווען ברויט,
נאָך דיינע קנישעס,
נאָך דעם גראָשן הערינג
פאַר אַ גראָשן אַ טשייניק טיי,
פאַר אַ צענער שבת־טשאָלענט — וואָרמעס:
ווי באַטעמט ס׳איז געווען
וו זיינען זיי: —
ווילנע, ווילנע, געוועזענע — יידישע ד׳ליטע...

די צווײ זײטיקע שווערד

עס איז אונדזער לעבן קײן צופֿאַל, קײן בלינדער,
די וועגן זיגזאַגישע — קײן זינלאָזער גאַנג;
מיר זײַנען ווי בלודנע, פֿאַר׳יתומ׳טע קינדער
וואָס האָבן פֿאַרלאָזט אונדזער הײמלאַנד פֿונלאַנג.

פֿאַרלאָזט אומדזער הײם אין׳ם הימלשן היכל,
וואו ס׳האַרץ פֿון דער וועלט דורך דער אײביקײט ווײנט...
דער פֿלאַם אין׳ם ליכט פֿון אומענדלעכן שכל,
אַלײן... אומבאַגרעניצט... דערהויבן, געקרוינט.

מיר האָבן, ווי זונשטראַלן, לאַנגזאַם געגנידערט
אַף לײטער פֿון שאַטנס, ביז גרעבסטן סובסטאַנץ...
און ס׳האָט אונדז דער פֿאָטער־גאָט אַלעמען, ווי ברידער,
אין גאָרטן פֿון מענטשהײט, ווי בלומען, פֿאַרפֿלאַנצט...

ווי בלומען, אין אַלערלײ ראָסן און פֿאַרבן,
און עלטערע ברידער געשטעלט אויף דער וואַך,
צו לערנען אונדז היטן עס זאָל ניט פֿאַרדאַרבן
קײן ווילדגראָז דעם גאָרטן, די בלימעלאַך שוואַך...

דער גאָרטן איז ליב אים, און אײגן, און טײַער,
ווײל ער האָט אַ טײל פֿון זײַן וועזן פֿאַרפֿלאַנצט
אין האַרצן יעדן... וואו ס׳ליכטיקט דער פֿײַער
פֿון ליבשאַפֿט, און טרײַהײט, ווי דימענטן־גלאַנץ.

עס האָבן די עלטערע ברידער געוואָרנט:
„זאָלסט ליבן דײַן ברודער ווי ז׳האַרצן דײַן גאָט״, —
נאָר קנאה און שנאה ט׳געברויזט און געצאָרנט,
און בלינדע אילוזיע פֿון „פֿרעמדקײט״ — געשפּאָט.

די קריכנדע גיפֿטיקע שלאַנג, „עגאָאיזם״,
אין מיניענדע פֿאַרבן וואָס כשופֿ׳ט און בלענדט,
האָט שטיל זיך פֿאַר־גנבֿ׳עט צום מענטשן אין בוזים,
און ברודער אויף ברודער ט׳געהויבן די הענט.

האָט אומשולדיק בלוט מאמע־ערד אָנגעטרונקען,
און רויז האָט אין דאָרן פֿאַרוואַנדלט זיך באַלד;
דער בליענדער גאָרטן איז לאַנגזאַם פֿאַרזונקען,
געוואָרן פֿון אים איז אַ מדבר׳דיק וואַלד.

— — — — — — — — — —

דער געטלעכער טעמפּל, פון ליבשאַפט געפורעמט,
פון מענטשלעכר אויג איז געוואָרן פאַרשטעלט,
ווייל מענטש האָט, אָנשטאָט אים, געפּלאָנט און געטורעמט
אַ בנין פון שטיינער צו׳ר הימלישער וועלט...

פאַרבעלעמט דאָס אויג זיינס פון רוח הנבואה
מיט בעלמעס פון חומר, און תאוה, און זינד;
פאַרגעסן זיין נדר, פאַרגעסן זיין שבועה,
׳שטאָט ליבשאַפט, געבראַכט צו׳ר עקידה זיין קינד...

גע׳חוזק׳ט פון אים האָט זיין אָפּגאָט „עשתרות״,
און „תמוז״ געגליט האָט אויף באַרג און אין טאָל
מיט ציניש׳ן שמייכל: „דו וועסט דיין כפרה
מיט בלוט ניט דערגרייכן, מיט ווין און מיט גאָלד;

„דיין גאָלדענער עגל וועט דיך ניט באַשיצן
אין צייטן פון שטורעמס (וואָס זאַמלען זיך שוין,)
ווען משפט וועט מאָנען... וועסט מאַכטלאָז נאָר קריצן
די ציין, ווען אין שטוב וועט זיך וואַלגערן דיין קרוין;

„האָסט פעלקער באַהערשט, זיי פאַריאָכט און באַצוואונגען,
די טעכטער פאַראומגליקט, די זין אומגעבראַכט
אין דיין „זיגרייכן״ מאַרש, און דיין קול האָט געקלונגען:
„געדענק ווען אין פנקס וועט פול זיין דאָס בלאַט...״

אמנות הבריאה

בגווני קסם טובל בין השמשות,
כמו בקיפולי טלית צבעונית מתעטף.
והשמש, אחורי ההרים, שוקעת בלהבות
ומשחק קרניה באחרוני הזהרורים מסתעף.

יפי תפארת הנוף, אין די מלים לתאר,
אמנות הבריאה, אין אמן שביצירתו ימצה;
מקצה העולם ועד קצהו, כצעד זרת, חיש מהר —
כאדריכל את האוניברס ינהג ויחצה...

ליבע לידער



אין א ווינטער־נאַכט

אין אַ ווינטערנאַכט ווען די ווינט־שטורעמס יאָגן,
זיץ איך אַליין ביים הרובע־פּייער;
נעם אַ בוך, וואָס איז אָנגעפּילט מיט לערע, —
זוימען, אַזוי, וואַרף איך ווי אין שייער.
לאָז זיך אַוועק אין האַלוצינאַציעס;
ווי וועט אויסקוקן אין פּרילינג מיין סאָד דער בייער?

איך לייען, לייען וועגן שיינע לענדער,
גאָר די געדאַנקען שווימען ווייט;
איך לייען ביז ווייטער איך זע ניט ווי
דער שווערער בוך אויף מיינע קני — רייט...
נאָר אין חלום מיט אָפן אויגן, עפּעס יאָגט אַדורך
פון קוימען־האַלדז, איך פיל זיין אָטעם צאַפּט,
צי פון זיך ווינטערדיקן שטום געריש
עס טיקט־טאָקט אין צייט מיין אייגענער האַרץ־קלאַפּט.

געוויס, איך ווייס, דער בלאָנדזשענדער בליק־באַקאַנט.
ווייל כ'האָב געלייענט דאָס בוך, וואָס ס'האָט מיך געמאָלן,
אָ די נשמה, ווייס וואָס, זי בלאָנדזשעט ווייטער
דורך וועלדער, שליאַכן און טונקעלע טאָלן;
ווייל שרעק קריכט אַרויס אין טונקל פּרימאַרגנס
צו גנבה'נען פון מיר מיינע שיינע געמאָלן.

וווּנדער זיך, וווּנדער — אויב הייראַט — בינדט,
מיט ליבע, וואָס פאַרבלענדט אַ הינטער די אויגן,
איז געזונט צו האָבן זי צו מיר אין הויז —
אויב די נשמה פון איר האַלט דיר צוגעצויגן.

איך ווייס, דערוואַרטונג ביז מחשבותן קומען קאַריק,
וואַרפט זיך ווידער צום אויסגעטראָטענעם וועג;
ביז איר קוק דערזעט מיינעם מיטן הייראַט־בליק,
וואָס וועט מיר זעטיקן די קומענדיקע טעג;
דערנאָך מיט זיפצן פאַר די פאַרשווונדענע צייט —
איך פּלאַן מיין צוקונפט, ווי תמיד איך פּלעג.

וואָרנונג

איך האָב געלאַכט, ווען כ'האָב געטראַכט: ניט מיינענדיק.
צו אויסהיטן אַ שרפה, נוצאיך שרפה מכשירים באַוואָרענישן!
האָב אויפגעבויט אַ טורעם, פאַרצווייליגנגט: שטאַרק און הויך,
אין מיין האַרץ, דאָס זאָל אַלץ, אויסלעשן, אָפּווישן.

די קלענערע ליבעס וואָס פלאַמט אויף — ליכטיקער;
דאָרטן האָב איך געהיט טעג און נעכט.
איין טאָג אויפן הימל איז אויפגעלאָפן אַ וואָלקן
אַזוי געל פול מיט וואָרנונג, האָב אַזש געפילט זיך שלעכט.

אַרויס פון וואָלקן, וואָס האָט געדוכט נידערט אַראָפּ.
איז געקומען אַ ווינט און האָט מיך פאַרטראָגן פון טורעם,
ווייך מיך אַוועקגעטראָגן הויך, הויך צום הימל;
וואָרום איז הערבסט־בלאַט געוועז פאַרלאָרן אין יסורים.

מערער ווי איך?
אַ הילפלאָזער און פאַראַליזירט אין גאַנצן!
דערנאָך האָט עמעצער געשושקעט ווייך און זיס,
צו שטילן מיין צעטומלעניש אין גרויסן לאַרם;
אַרום האָב געפילט דיין פאַרגעניגנדיקן אָרם.

ווי גליקלעך מיין האַרץ, דערנאָך, זיכערלעך, וויסנדיק
דיין ליבע איז געווען דער מעכטיק־ווינט, וואָס האָט געוויטערט
דערנאָך פון מיינע ליפּן האָט זיך צעזונגען אַ ליד;
אונדזער ליבע, אונדזער ליבע, זאָל אונדז וויכן פון ביטער...

איבערן טייך אין פרידן און פשוט,
דער רוישן פון ים, די קייט פון די בערגיקע רינגען,
צוזאַמען, צוזאַמען, וועלן מיר מיט זיי מיטגיין!
צוזאַמען, צוזאַמען, אונדזער טריאומפליד וועלן זינגען.

א ווינט

טרויער ניט אויב איר פנים וועט אַן אויפזאַץ־בלום,
טרויער ניט אויב איר שיינקייט פאַלט אַוועק, —
ווער וועט פאַרזען דעם בלום'ס פאַלקאָם שעה
ווייל זי האַלט ניט תמיד איר פאַראַד ביזן עק. (סוף.)

די געטער פאַרשווינדן אויך מיט זייער מזבח־פייערן,
זיי שרעקט זייער טונקל־אָפּשטאָם שעה...
רוף אָפּ דאָס ווייסע, פלינקע הינט פון מיין פאַרלאַנגען
און ווען לעבנס־שעה שלאָגט „ליבע" דיינקט ניט פון צייט!

איז געווען מיין מזל צו באַשולדיקן

יענע לבנה־נעכט מינוטן דאָרטן אונטערן בוים
האָט אָנגעפילט מיט שטאָלצע האַרץ מיט טיפֿווייכן סופּריז;
אַ מאָדנער כישוף טראָגט זיך אויפֿן ווינט
איך פֿיל דאָס עמיצער פֿון די פֿינקלדיקע הימלען,
באַרירט מיך איידל ווי אַ מיסטעריעזיע קראַפֿט
בייט איבער די ערד, מיין שרעק צו איידעלע זיפֿצן:

שווימט ווי וואַלקנס־פֿייער, באַקומט אַבינדל די דאַזיקע שעהן;
כאַפּן און ציען מיך נעאונטער צו דיין זייט;
דאָרטן ווייט אויבן, די שטומע בלויע שוואַרצע טויערן
שטילקייט דעקט אונדז איין אין אַן אומרואיקער צייט:
אַקעגן מיין פֿוס־ביינקל אין אַ וויאַלעט זיסן שלאָף;
איבער מיין קאָפּ אַן עלנטע נאַכט־פֿויגל האָט געוויינט;

אין מיין ברוסט אַ ציטערדיקע שרעק האָט מיך אויפֿגעהויבן,
אַ פּראַסטיק ווינט און קאַלט האָט אָפּגעקילט מיין פֿלאַם —
ווייל נאָענט צו מיין האַרץ לאַנגע אייז־פֿינגער זיינען געקראָכן:
איז דאָסגעווען אין אמתן אָדער נאָר עפּעס אַ פֿאַרדריסלעכער שפּיל?
איך האָב איבערגעהויפּט די ווערטער דאָס וואָלט געדריקט מיין האַרץ,
די ווערטער: „איך האָב דיך ליב"... איז געווען מיין מזל צו באַשולדיקן?

נישט גערעדטע ווערטער מעגן אַריינדרינגען ווי אַ פֿייל,
פֿאַרווונדן אונדז, פֿאַראַטן אונדז, צערייסן אונדזערע נשמות.

דער טויט נעמט צו טיילן

גייסט אַוועק פֿון מיר. דאָך פֿיל איך דאָס איך זאָל שטיין
פֿון איצט און ווייטער אין דיין שאָטן. קיין מאָל מער
אַליין איבערן שוועל פֿון מיין טיר
פֿון איינצעלנעם לעבן, איך זאָל באַפֿעלן שווער.

די נוצן פֿון נשמה, אויך ניט אויפֿהייבן מיין האַנט.
שטילקייט פֿון דער זונשיין ווי בעפֿאַר,
אָ, די סצענע פֿון דאָס, וועלכע איך פֿאַרבאָט —
זיי רירן אַן די פֿאַלמעס, די העכסטע, ווי העגנענדע האָר!

דער טויט נעמט צו טיילן. לאָז איבער דיין האַרץ אין מיין
מוזט פֿאַרזוכן פֿון דיין אייגנס, וויינטרויבן, ווען איך גיי;
גאָט, פֿאַר זיך, ער הערט יענעם נאָמען פֿון דיין,
זעט אין מיינע אויגן די טרערן פֿון צוויי.

צו קויפן נייעם יוגנט

(נאָכאַמונג)

„וואָלט איך געוואָלט זיין יונג? האָט מיר געפרעגט אַ בלינדער מאַן.״
צי כ׳וואָלט קויפן מיין יוגנט, מיט די יאָרן וואָס זיינען פאַרפלויגן;
אויך וואָלט איך ניט אויפגעגעבן די שמחהדיקייט וואָס דורכגעלעבט דאַן —
איין יאָר, איין יאָר, די וואונדערלעכע פרייד, וואָס שטייט פאַר די אויגן.

איך וואָלט וועלן זיין יונג! קאָן איך דען איבערלעבן ווידער,
די זיסע טעג פון אינגלוויז, די ליכטיקע טעג פון שפילן זיך,
מיט גאָר דעם פאַרגעניגן, זינגען זיסע לידער,
ווידער דורכלעבן, ווידער יינגליש פילן זיך?

כ׳וואָלט ווידער יונג זיין געוואָלט, אויב דער פרילינג פון לעבן,
מיט זיינע זיסע טעג פון שמחה, וואָלט דאָס זעלבע געטעמט;
אויב זי וועמען כ׳וואָלט ווידער געליבט, וואָלט זיין ווידער מיין שטרעבן —
אירע פאַרשעמטע באַקן, וואָלט מיט שיינקייט געפלאַמט.

אויב מיר קאָנען ווידער איבערלעבן די פרייד, וואָס מיר שוין האָבן,
ווען מיר האָבן ביידע געוואַנדערט, אין די לאַנגע צייט פון יאָרן,
וואָלט איך געוואָלט זיין יונג; נאָר כ׳וואָלט אַלץ געוואָלט פאַרמאָגן;
איר זעלבן שמייכל און די זעלבע הייסע טרערן...

ווייל לעבן איז געווען פאַרגעניגן, לעבן איז געווען פאַרמאָג:
כ׳וואָלט געוואָלט איבערלעבן די פרייד; זיך ניט געוואָלט שיידן.
נאָר דער אויסגאַנג פון מיין לעבן, וואָלט איך ניט פאַרביטן איין טאָג,
צו קויפן נייעם יוגנט, אויב כ׳וועל אַזוי ווידער ניט זיין צופרידן!...

אין רעגן

דער רעגן דעקט איין, ווי אַ פאַרהאַנג גרוי
ער רוישט שטאַרק מיט שטורעם־ברום.
מיר זיינען פאַרזיכערט פון שטורם־שרעק,
אין אונדזער הייזל, מיט תפילה שטום...

אונדזער האָלץ־אייוועלע ברענט און פינקלט,
דאָס פייער־ליכט שיינט אויף דיינע האָר;
ווי דו און וואַרעמען אונדזערע פיס־פינגער,
אין איין גרויסן וויג־שטול נאָר.

מענטשן וואָלט גאָט געבעטן פאַר אַ זוניקן טאָג,
און וואָלטן נישט געווונטשן פאַר רעגן קיין־מאָל!
נאָר, פאַרליבטע; אויב איך וואָלט האָבן דעם זאָג,
איך וואָלט געווונטשן זאָל רעגענען — אָן אַ צאָל...

די ליד פון יוגנט

די ליפּן האָבן פאַרגעסן באַפּייכטונג
זייער קוש אויף בלינדע אויגן קאַלטע ווי שניי,
פון איצט אָן איינגעצויגן אין זייער וווּנדערלעכן טרוים.
ציטערדיק ווי הינט טיף אין גראָז קוקן אויס זיי.

זיי היטן די גרויע שעפּעלעך אויפן הימל גיין,
וואַנדערן אין לבנה ליכט וואַרפן זיך איבער די גראָזן
פון די הימלען ווי צויבער אין זייער אייגן לעבן ליבן —
זיי זיינען ניט אומבאַקוועם, פון קינאָה און גאווה־בלאָזן...
די ראָזן פון גליק וואָס עפנט יעדע האַנט,
די לאַנגע גרינע פרײדן זיי קאָנען נישט פאַרשטיין — ראָזן!...

א גאַט

אַ פרויען שרעק מיין האַרץ קאָנטראָלירט:
וואָס האָב איך געטאָן צו דעם, מיין שמאַרץ.
מיינע הענט, די ליליעס פון מיין נשמה,
מיינע אויגן, די הימלען פון מיין האַרץ.
אָ גאָט, האָב רחמנות אויף מיין טרויער:
האָב פאַרלאָרן די „פּאַלם״ און זינג, האָפנונגלאָז!
פאַרגיב מיין געבעט, מיין אָרימער געהילף,
שנייט בלומען און ס׳ברעקלט אין אַ גלאָז:
פאַרגיב דעם דורכגאַנג פון מיין מויל,
און זאַכן ניט געטאָענע און ווערטער ניט געזאָגטע,
גיס „ליליעס״ אויף מיין היציקע טרוקנקייט,
און בלומען אויף די זומפּן שפּרייט ניט געוואָקסטע.
אָ גאָט! די טויבן וועמעס פליען זיינען גאָלד
אויפן הימלס דערמאָנען! האָב רחמנות אויף דאָ
די דאָזיקע קליידער, מיינע פאַלעס צושפּרייטע
וואָס רוישן אַרום מיר, טונקל בלאָ!

אפגעשוואכטער

די צייט האָט צו בליציקט אין זיינע פליגלען,
און פאַרגעניגן איז אַ ברעקלדיקע זאַך,
וואָס ברעכט און צעדריקט שענסטן פּנים —
טראָגט אַ שאַרבן, אַ הינטער, אַ שיינעם דאַך.

און וואו איז אַ בעסערער געדאַנק, וואַרום
נישט ליבן שיינקייט אָדער דאָס שטאַרבט?!
שטאָלץ העלער פלאַמט אויף אין דער נאַכט
און פאַרנעמט מיט פרייט פון צייט די פאַרב...

די ליבע — לעבן פון א בלום

דער לעבן פון ליבע איז דער לעבן פון אַ בלום
דאָס דערהייבט צום באַריר פון זון און לבנה.
דאָס לעבן פון ליבע, איז דאָס גליק פון אַ שעה,
די קראַפט פון אַ פלייט, אָדער אַ פידלס — קלאַנג־נשמה:

די בלום שטאַרבט ביים קאַיאָרס רויטע־האַרץ,
די פידל־קלאַנגען און טרויעריקע קושן שטאַרקע פרייד צו שפּאָט־אים;
די פידל־קלאַנגען פאַרטרינקען אין טומל פון מאַרק;
דאָס פלייט־שטימע, וואָס שטאַרבט מיטן שפּילערס אָטעם.

א ליד

אַ גוטן טאָג, קאָן זיין אַמאָל — אַ גליקלעכער וואָרט,
ווען גרינג גערעדט,
די האַרץ נישט פאַרזיכטיק פאַרגלייכט
ווי אומבאַדייטנדיקער געבעט.

ווען מיר שיידן זיך פון יענע, וואָס זיינען אונדז ליב,
די שטימע ווערט אַזוי ווייך,
באַהאַלטן אין שמייכלען, די נישט געוואונטשענע טרער —
צו איבערגעבן זיך צום שפּאָסיקן רויך.

ס׳דריקן הענט, אויג קוקט אין אויג
און אַלעס באַהאַלטן:
ווי הייליק איז דער וואָרט: זיי געזונט —
מיט אַ בעטנדיקן בליק אַ קאַלטן...

א נדבה

כ׳האָב דערפילט די שושקענדיקע בלעטער
אין אַ שטורם־ווינט;
ווי צעשראָקענע פאַרלאָזענע קינדער —
ווי אַ יתום־קינד.
אונטער מיינע טריט האָבן זיי געזיפצט,
געקרעכצט פון ווייטאָג,
און דער ווינט, ווי קלאָגנדיקע לידער
אונטער מיין פוסטריט וואָג.
אָ, גאָט, ווער קאָן דיין הלך־מלכה פאַרנעמען
עס ציטערט מיין מחשבה
און זינג צו דיר אַ תפילה־שיר:
שיינק מיר אַ ברעקל־חכמה — אַ נדבה!...

וואָס וועט מיינען

וואָס וועט מיינען, ליבע, צו אַ רייפע פרוי,
אין וועמען די פריסטע זיסע־זאַפט איז געוואָרן שטאַרקער וויין,
וועמענס אויגן גיסן שוין ניט מיט פערל
ווי אַ קונציק געשניצטער פריזזלאָזער סאַפיר־שטיין,
וואָס ציטערט מיט אַ שטענדיק ליכט,

ווי אויף אַ וועלט, ניי דערשינען?
ניט דאָס פויגל ליד, אויך ניט דאָס זיסע ליד
פון דער לופט־פויגל
פילט דער אויער צו געפינען;

דאָס איז איר קול פון ים, וואָס ווידער־קול איז אין בלוט,
אירע ליפּקעס מיטן פלוס מיט אירע ברוסטפולע טייכן;
אירע פיס זענען גרייט צו בייטן די זאַמד פון טעג,
כּוח רייסט פון אירע האָר פון דער וויטן; —

וואָס וועט זי זאָגן צו איר געליבטן?
איר שטימע — פאַרב צעקלינגגט ווי בורשטין,
זי אין וועמען — דאָרט איז ניט קיין צוריקקערער,
ניט אַ האַלב דעקט צו פון איר פנים —
די שמאַלציקע רונדן פון אירע אָרעמס;
-- ניט שפּילעוודיק — פון ווידערווילן?
זי וועט נעמען איר געליבטן אין אירע אָרעמס — שווייגענדיק!...

די זון איז אַרונטער?

איך האָס די שיינקייט פון דער ראָז,
כ'ליב ניט קיינע בלומען וואָס שפּאָטן.
זאָל די זון זיך זעצן, — איך וועל ניט שטיין
און קוקן דאָס אָוועקגיין פון טאָג האָט
ווי אַ גרויסע שיף, וואָס פּיראַטן פאַרברענען...
איך ליב, און מיין ליבע ווערט געענטפערט מיט שפּאָט.

איך וואָלט ניט פאַרזען די ערשט צובליטע בלום
ניט אַלע די ניט ריח'דיקע וואָס זיך בלאָזן:
די זון איז אַרונטער? דערנאָך וועל איך שטיין
צו זען די ווידערגעבורט פון ראָזן;
אין מיר וואָס גייט אויף די שיינקייט וואָס ברענט, —
איך ליב, און ווער אַן ליבע איבערגעלאָזן.

מיין מוזע האָט פליגלען

וואָס קאָן איך טאָן אַוועקצוטרייבן, ווען
דערמאָנונג איז פאַר מיינע אויגן? ווייל זיי האָבן געזען
אייביק, איין שעה פריער, מיין שיינענדע מידל!
באַרירונג האָט דערמאָנונגען, אָ, זאָג, ליבע, זאָג ווען?

וואָס קאָן איך טאָן, צו טויטן דאָס, צו זיין פריי
אין מיין אַלטער פרייהייט?
ווען יעדע שיינהייט וואָס איך האָב געזען איז געווען שיין,
גענוג צו כאַפּן מיך אין נעץ פוןביידע טיילן זייט.

ניט צו האָבן מיך דאָרטן:
ווען, סיי ווי, אָדער באַזונדערע זאַכן מעג;
מיין מוזע האָט פליגלען,
תמיד איז פאַרטיק געווען צו נעמען איר וועג.

איך האָב זיך געבויגן צו איר צוואַנג,
אומאינטעליגענטיש, דאָך הייליק צו מיר; —
הייליק זאָג איך! — וואָס דער ים־פויגל איבערן ים
איז אַ פילאָזאָפער; די ווילדע ער גייט,

גייט ער אַליין ווו די גרויסע וואַסערן און, זון פאַרגייט מיט פלאַם.

און זי פאַר די אויגן שטייט

איך בין געקומען מיט אַ ליד פון אירע אויגן,
מיט ריח פון ווינט אירע האָר;
מיין סענסעטיווער אויער האָט דערפילט,
איר קלינגענד געלעכטער, ווי ס'וואָלט געשפילט אַ כאָר.

קאָן דאָס זיין, דאָס נאָר היינט, מיין האַרץ,
איז אויפגעלויכטן, מיט װאַרעמקייט, מיט היץ?
פון אונדזער גליקלעכן געלעכטער אין ליבסטן טייל
פון אירע אויגן האָט אויפגעשיינט אַ בליץ.

ס'האָט געצויגן מיר צו קושן זי און קושן.
קוקן אויף איר שלאַנק־געבויגטן גוף.
פילן אירע אויסגעשניצטע ליפּן —
ווי איר שמייכל, וואָלט גערעדט צו מיר — מיט רוף!...
איך בין געקומען מיט אַ ליד אין האַרצן,
ס'האָט געזונגען פון מיר מיט אַ פרייד;
כ'האָב געפילט ווי כ'פלי גאָר אין דער לופטן,
זי, ווי אויסגעמאָלן, פאַר די אויגן שטייט!...

1921.

דערגרייכונג

דו, וואָס דו טרויערסט זיין אַוועק פון דער וועלט
ווייסטו ניט וואו ער איז געגאַנגען?
צווייפלט איר, צי ווייסט איר דעם אמת,
דאָס ער האָט גע׳שקר׳ט קעגן אַלעמען באַגאַנגען?

דו, וואָס דו וויינסט פאַר אים היינט
ווער פון ערד איז געגאַנגען אַוועק.
אָרט דיך ניט דאָס ער האָט געפונען
פוסטריט אויף זיכערער — דעק?

וואָלסטו געוויינט, פאַר איינעם, וואָס וואָלט אויפשטיין
אַ זיגער קעגן מעכטיקן פיינט?
הייכע דערהייבונג וואָלט אים געהייסן גיין
וואָלסטו טרויערן פאַר אים היינט?

ער איז פאַרטיק, מיט ליידן, מיט ווי;
פאַרלירן קאָן ניט טרעפן נאָך אַמאָל אַזוי:
האָט האָט אים גערופן צוריק פון זיין מאַטער
צו אַ ריינעם, פאָלקאָמענעם לעבן אָן ווי.

צו אַ רייכערער וועלט ווי אונדזערע,
ריינער ליכט און ברייטערער מאַכט.
צו אַ לעבן, וואָס ווייסט ניט פון פאַראַכטונג
ער איז אַוועק פאַר וועמען דו אַכט.

האסט איבערגעלאזן

האָסט געלאָזן דיין נאָזטיכל הינטער דיר.
דער אַראָמאַט פון ליבלעכן געשמאַק
איז געווען אויף דעם — ווי אַ פלוצלעכער ווינט
טראָגט דעם ווייכן ריח — אַ ראָמאַט.

אַמאָל אַוועק — האָט דאָס געבראַכט צו מיר
דער ריח פון דיין לייב, אַ הינטער טיר.
דיינע אויגן, וואָס שמייכלען אַזוי געטרוילעך...
די האָסט איבערגעלאָזן דיין נאָזטיכל אַ הינטער דיר.

ווען שטילקייט איז דער זינגער

ווען סע שווייגט דער זינגער
און צעבראָכן איז דאָס פלוט:
זאָג נישט די ליד איז גאָרנישט
און נוצלאָז, ווייט, אָפקלאַנג רוט.

ווען ליבעס בלום גיך בלאַנקט אָפּ —
זאָג קיינמאָל ס׳איז געווען גאָרנישט! —
זאָג גלייכער דאָס, אַז יעדע רעגע,
וואָס גליק פאַרשווענט, איז נישט אומזיסט!

ביזט געקומען (פאָלקס-ליד)

ביזט געקומען מיט אַ ליד פון ים אין דיינע אויגן,
מיטן טעם פון זאַלציקע ווינטן אין דיינע האָר;
מיינע פילנדע נאָזלעכער דערפילן, זויגן,
דער שטורם פון ווירבל־ווינט פאַרגייט אין אַ כאָר.

דער אויפברויז און שוים פון ים ברומט שווער;
האָסט געבראַכט מיט דיין קלינגענד געלעכטער,
דעם אָפּרוף פון לעבן, טויט און נאָך מער
דיין גליענדער פנים אַמאָלנג אַן עכטער.

די פולסירנדיקע נשמה, פון מעכטיקן ים
האָט פאַרכאַפּט די האָרץ פון אַ צעטומלטן מענטש
צו וואַרפן און שמייסן מיט שוימנדן סם
צו שווימען אָדער זינקען; תמיד דיך בענטש.

א פורש

אַ, איך ווייס פון אַ קליין שטעטל
וואו סאָסנעס שטייען אין ווינטערדיקע ריי,
וואו עס שמייסן געפאָרעמט די גליענדע זון
און די בעראָזשקעס בייטן זיך רויט־גרוי.
און צעצווייגטע דעמבעס שטייען ברייט און שטיל
יעדע ווי אַ גרין אויסגעטראַכטע באַרג:
דאָרטן, וויל איך חלומ׳ען אַ טאָג אָדער צוויי
איך וועל האָבן פאַרטיק אַ חדר ריין פאַר דיר —
וויל בוימער זיינען אַזוינע לאַנגווייליקע, מאָדנע, קאַרגע,
מיט גאָר זייערע בלעטער, מורמלדיקע זיינען זיי.

דיינע בלאָע אויגן

דיינע בלאָע בלומענדיקע אויגן
זינגען, מיט רות׳עס צניעהדיקייט.
ביי די שבתדיקע ליכט, דיינע פינגער בייגן
און מיט אַ קדושהדיקע רואיקייט.
דו שבת־מלכה, דיין שבתדיקע פרומקייט,
דו טאָכטער, יידישע, פון עם־ישראל;
דיין מוטערשאַפט, דיין יאָך טראָגסטו מיט שטומקייט —
ווען דו רעדסט, ווי קינדיש, קלינגט דיין קול.
דו באַלויכט מיט גוטסקייט ווען דו שמייכלסט:
תמיד בליט פון דיינע ליפּן בלומען;
עפּעס אַ זיסע־אומעטיקייט ווען זיך פאַר׳מח׳לסט —
אַן ווערטער, ווי אַ תפילה פון דיינע ליפּן קומען.

איך שטודיר די זומער נאַכט

„איר לעבעדיקע שטערן, ביי וועלכע ליבע־ליכט״
די נאַכטיגאַל זיצט אַזוי שפּעט,
און שטודירט, די גאַנצע זומער־נאַכט,
איר אומפאַרגלייכבאַרע ליד, איז איר נאַכט־געבעט.

די שטעטלדיקע באַלעבאַטים גרייטן צו פאַרזיך
ניט קריגערישע, ניט גבירישע לוויות ;
דיינקען ניט פון שפּעטן־סוף,
די גראָזן פאַלן אונטער די טריט פון היימישע חיות.

די פייער־פליגעלעך, וועמענס פייער־פלאַם,
צום וואַנדער־גייער, ווייזט דעם וועג,
דאָס אין נעכט האָט פאַרלאָרן זיין ציל :
נאָך די נאַרישע פייערלעך זוכן זיין שטעג.

דיין גליענדע ליכט אומזיסט פאַרלירסטו,
אַזוי לאַנג מיין ליבסטע קומט אַהער געהיים ;
פאַר איר מיין געדאַנק האָב אַריבערגעטראָגן —
מעג איך קיינמאָל ניט געפינען מיין היים.

ליבער געניוס

ברוסט, צו ברוסט זיי ליגן אין פיבער־היץ
פון גליק, ליבע צינדט זייביידן אין געבייג,
אין אייגן פייער בראַנד אין זייער גאַנצן איך
קערפּער און נשמה, אין צופרידענער געלייג.

דער ציטערדיקער רייץ פון זיין ברויזנדיקן פלאַם ;
איבער זייער פאַרשטאַנד, ביז נאָך אַלעמען — פאַרגאַנגען
פון ליבעס גרויסן קרבן, צום גרויסן פאַרלאַנג,
ליידנשאַפט צום סוף ברענט אָפּ — קילט — פאַרלאַנגען.
נאָך אַלץ קלינגט, זיי כאַפּן אָן, אין ביידנס מוח
און קערפּער, שווימט נאָך אין זייער צעצויגענעם חלום ;

יעדער שטיל טוט רופן מיט ברענענדיקן כוח
צו באַזונדערן זעלבס־ליבע ; ווייל, אין ליבעסקוויטן
פול אָנגעפילט פון דעם נס, וואָס זיי האָבן דערגרייכט ;
יעדער האָט פאַרלאָרן זיין אייגנס אין דעם צוויטן...

1930.

אין מאָדנעם צימער

אין דעם מאָדנעם צימער די פריע מאָרגן־זון
איז וואַקלדיק אויף ווייכע פּיס,
ליגן באָרוועסע וואָס טרוימען, האָבן געשפּונען,
וואָרעם ברוינע האָר, שוין לאַנג אָוועקגעגאַנגען,
האָט איבערגעלאָזן איינעם געחלשט, זיסן אָטעם צו באַגעגענען
די לאַכענדע מאָרגן־געזאַנגען.

די שטילע שעהן די געלע, אויף די העכסטע גאָרן
איבער אונדז אַ צויבער־פּאַלאַץ,
ווו אונדזער ליבע האָט געוואַנדערט דורך גרויסע קאָריידאָרן.
איצט עפּענען די אויגן צי דאָס איז ניט אַ חלום —
צו זוכן און באַוווּנדערן דיין שיינעם פּנים.
ליפּן, וואָס האַלטן דיין קוש פון דיין צלם.

גיך איז געווען די נאַכט צו יאָגן דעם ליידיקן טאָג
פון אַרויס די געבענטשטע שטילקייט,
לאָזן די עכאָ, ווייט־ווייט אַוועק אין געיאָג —
דאָס פּלוצים אייז דאָרטן אַרויסגעקומען אין ווייכן פּלאַם,
אין דעם דאָזיקן מאָדנעם חדר,
דעם שושקען פון דיין נאָמען מיט אַ זיסן טעם.

די בלעטער קוקן בלייך

ווי ווינטער איז מיין אָפּוועזנדיקייט געווען
פון דיר, דאָס פאַרגעניגן פון אָפּשווימענדיקע יאָרן!
וואָס פאַר אַ קאַלטקייט האָט געפילט, פינסטערע טעג געזען!
ווי דער אַלטער דעצעמבער; ליידיקייט אומעטום געוואָרן!

און דאָך, די דאָזיקע צייט, אַוועק, איז געווען זומער־צייט;
דער קומענדער הערבסט, גרויס מיט רייכן פאַרב,
ברייגגענדיק די לוסטיק געוויכט אויסגעצירט ווייט,
ווי דער אלמנות־טראַכט ווען איר מאַן שטאַרבט:

דאָך דאָס פאַרלאָזן איז דוכט מיר אויס
גיט האָפנונג פאַר די יתומים אָן אַ פאָטערס קום
פון זומער; און זיין שמחה וואַרט אים גרויס,
און, דיין וועג, און די זעלבע פויגל איז שטום;

אָדער אויב זיי זינגען, איז דאָס ניט געשמאַקע קלאַנגען;
די בלעטער קוקן בלייך, טריקענען ווי די ווינטער דאַרע זאַנגען.

ליבע צאַלט

ליבע צאָלט פאַר גאָר זיין זינגעגנדיקן פייער,
זיין גאָלד און צירונג, פריילעכן געטראַנק,
מיט אויסגעברענטן אַש פון פאַרלאַנג
און צו פאַרנאַכלעסיקייט, וואָס איז טייער.

ליבע צאָלט פאַר גאָר זיין זינגעגנדיקן פייער,
מיט טאָג קומט אַ זאָרגלאָזער טאָג —
מיט יענע וואָס זיינען אים טייער.
דאָך יענע נאָר, מיט פאַרלאָרענעם פאַרמאָג

שוער צו זיין איינזאַם

שענק מיר רבונו של עולם אין מיינע יאָרן די לעצטע;
אַ ביסעלע פרייד, אַ ביסעלע רו:
גיב מיר אַ ווינקעלע און אַ פּאָר אויגן געשעצטע
זאָל באַגלייטן מיין וועג, זאָל געפינען דאָס וואו.

שווער צו זיין איינזאַם אָן אַ ליבלעכן בליק;
פאַר ווענען אַ קרעכץ טאָן, אַ וואַרעמען וואָרט:
מצא אשה — האָסטו געפונען גליק —
אַ רואיקן ווינקל, אַ וואַרעמען אָרט!

א שרעקלעך זאַך

ליבע איז אַ ביטערע זאַך
און שפּאַס איז זיין מלאכה:
מיין געליבטע ליבט אַ צווייטן מאַן,
און ער, אַן אַנדערער מיט הבטחה.
און דאָך איז דאָ פאַראַן אַ וועג
און „קווער" זיין אויסגעלאַסן־ווילן —
דאָס איז ניט קיין ליבע גאָר און גאָר;
און דאָס איז שרעקלעכער צו פילן.

א קיניגין איז געשטאָרבן

אַ קיניגין איז געשטאָרבן לאַנג, לאַנג
שיין ווי דו ביזט שיין גאָר,
פריינטלעכע און ווייסע אירע ברעמען,
און גאָלד, ווי דיינע, איז אירע האָר.

איר פּנים איז נאָר אַ טרוים,
איר קליינער מיילעכל — אַ ליאַרעם...
אַ, לאָמיר קושן זיך און קושן
זינט דער טויט איז אומדערבאַרעם.

זאג גאט

מיט זיסן שבת׳דיקן שמייכל האָב איך דיך געזען.
כאָטש אַ גרויער קאָפּ; דער שמייכל איז נאָך יונג!
פאַר מיר שטייסטו ווי אַ בתולה וואָלסט געווען,
דיין שטימע הער איך מיטן זעלבן קלונג...

גאָר מיין לעבן, נאָר געטרוימט פון דיין געשטאַלט.
אין בלויען־ליכט, אין פורפור־אונטערגאַנג פון זון,
דיין געלעכטער, ווי אַ וואַסערפאַל ווען ס׳פאַלט —
דיינע ליפּן שיכורן, ווי קאַלטער ווייַן פון שפּונט...

כ׳האָב דיך היינט געזען גייענדיק פאַרביי,
האָסט געשפּילט זיך מיט דיין אייניקל — אַ קינד;
ס׳האָט מיין האַרץ אַ ציגעטאָן פון ניי —
אַ, זאָג, גאָט, צו ליבן, — שיינקייט — איז אַ זינד?...

דעם פרילינג!

איך האָב געהאַט אַ געליבטע אַזאַ, אָט ווי זי.
ווי אַ טרוים, אָפטן, ווען טאָג פאַרגייט צו פרי;
שאַפער פון בערג, גאָט פון דעם ים,
דאָך פונקט איידל, ווי אַ געליבטע מיט טעם;
ברייגנט דעם הימל אַרונטער מיט ליכטיקע אויגן,
פאַרכאַפּט אַזש דאָס האַרץ ביז גן־עדן;
אַ שטימע ווי אַ שטיל־ווינט, זינגט דורך די בוימער־ווייַן,
שמייכלט ווי די מאָרגן־ליכט־וויזיע וואָלט געווען מיין...
וואָס האָט געדיינקט צו זאָגן? (אָ, דאָס פרילינג איז!)
גאָרנישט... די זאַך איז... ניט; גאָר גאָרנישט איז.

א תפילה

מיט יום־טוב׳דיקע געדאַנקען
גיי איך היינט און טראַכט
און שמחה׳דיק טרעטן מיינע פיס;
איך ווייס: איך ווער פון גאָט באַוואַכט.

איז אַ לויב צו דיר גאָט
פאַר באַשיצן מיר מיין טראָט:
מיט דיר ביי מיין זייט,
גיי אָן שרעק צו יעדער צייט.

און וועלט וועט אויפוואכן

ווען זון וועט פאַרגיין.
וועל איך זיצן און טראַכטן
פון די בלויע הימלען
און ליכטיקע שעהן
און דרימלען.

ווען לבנה וועט אויפגיין
מיט פאַרחלום׳טן גאָלד
און וועקן בעהאַלטענע אומרוען,
וואָס וועבן, וויברירן —
פאַר ווען מען האָלט.

מיט לידער מחברים

דורך דעם קלײנעם פענסטער
װעל איך קוקן װי דו שפּאַצירסט;
װי דער פױגל דער שענסטער;
װי די דינסטע קינדער־טריט באַרירסט.

װי סטרונעס אָנגעצױגענע שפּילן
מיט באַריר פון הױלע פינגער;
װי אַ זיסע זיסקײט װאָלסטו פילן
פון אַן אַנדער װעלטיקן זינגער.

דײנע טריט זינגען צום ריטם פון אַ ליד,
װי שלמה המלך׳ס ליד פון שיר השירים;
אפילו (שדיים־ורחם), זינגט אַ פרומער ייד;
מיט לידער, מחברים, זײנען מיר גבירים...

דיאלאג

לבנה ברײנגט בלײכע מתנות פאַר שלאָפן
און חלומות פון פאַרענדיקטן פאַרלאַנג —
ניין, דו באַלײדיקסט זי, זי װאָס איז
ליבעס שטענדיקער פײערדיקער געזאַנג.

איך שװער די לבנה איז אַ זילבערנע װעלט
װעמעס נאָר לעבן איז ליכט —
ניין, זי איז אַן אײביקער לאָמפּ
פאַר פאַרליבטע רײצנדיקער געװיכט.

זי װעמען איך האָב ליב האָט פאַרלאָזן מײנע אָרעמס,
און לעבן איז אַ צובראָכענע נשמה —
האָב איבערגעטראַכט פיל, און איצט װײס איך
װאָרום דו האָסט באַלײדיקט די לבנה!

איך האָב דיך ליב

איבערגעזעצט פון מײנע ענגלישע לידער

איך ליב דײן פיגור, איך ליב דײן טראָט;
איך ליב דיך װי דו ביזט:
װען איך זע דיך גײן, װען איך הער דײן שטים,
װי מוזיק, מײן האַרץ פאַרזיסט:

אין שלאָף ביסטו שיין

פאַרמאַך דיינע אויגן, רו, רואיק;
דיין נשמה איז זיכער, דיין קערפּער געוויס;
דער וואָס ליבט דיך, ער וואָס היט,
באַוואַכט דיך, קיין מאָל שלאָפט־זיס.
דער שמייכלענדער געוויסן אין אַ שלאָפנדער ברוסט
האָט נאָר פרידן, האָט נאָר רו;
די מוזיק און די פריילעכקייט פון לײדיק־גייער,
האָבן די זעלבע אומרואיקייט ווי דו:
דערפאַר מאַך צו דיינע אויגן און רואיק זײ
אין שלאָף ביזטו שיין: האָב גאָר אַזאַ נס ניט געזען ווו...

לידער

כ'האָב אויף דיר געבליקט מיט שפּיציקע אויגן.
איך האָב געשוויגן.
ס'האָט מיט פרילינג פון דיר געשלאָגן,
ס'טרייבט מיך דיר זאָגן,
אַז דו ביזט אַ בלום
און איך אַ דאָרן.
האָב איך אויף דיר געקוקט —
און בין יונגער געוואָרן.
דער בלויער הימל שלאָפט מיך איין,
אין חלומות, ווי פון האַשיש.
שווימען וואָלקנס ווי די שעפּסן
אויף די בלויע גרינע פּאַשעס.
פיל זיך גרינג, פיל זיך ווייך,
ווי אויף פּוך וואָלט איך געשלאָפן.
פיל איך ווי אַ נייער פרילינג
אין מיין עלנט האָב איך געטראָפן.

אמאל

נאַכט דער שאָטן פון ליכט,
לעבן אונדזער שאָטן פון טויט;
דו דערקאָנסט עס אין יעדן געזיכט,
דו דערקאָנסט אין יעדן וואו ער שטייט.

געדיינק־קונסט פאַלט פון הימל
און משוגעות שטייט אויף פון גיהנום;
פאַנטאַזיעס קומען אין דרימל —
קיין שטראָף קומט נישט בחנם.

אין הויז פון טויט און פון געבורט
מיט לעבן פון פריער און דערנאָך;
די וועלט איז אַזוי אַרומגעגורט
פון דאגה און שווערן יאָך.

און טויט איז פון אונטן און פון אויבן
און ליבע, איז אַדורכגאַנג פאַר פאַרגעניגן
און, דער מענטשוועט אַמאָל זיך דערהויבן —
און וועט אַלע שוועריקייטן באַזיגן...

לידער

ווען דו גייסט, גייט דער חן מיט דיר נאָך
און ס׳וויגט זיך אַ פּאַלמע,
ווי ס׳וואָלט געשוועבט אַ חלום
און אַ וואָלקן אויף דיין קאָפּ
און אויגן שרעקנדיקע,
פינקעלנדיקע, שוואַרצע שאָטנס
און ליפּן בלייכע פאַרביינקטע —
ווי פאַרן טויט.

מיינע לאַכנדע ליפּן ציען ווי אַ מאַגניט
און ציטערן ווי פון פיבער.
איך פאַרטיף זיך אין דיינע אויגן
מיט שרעקנדיקן ציטער —
איך צי דיין פרילינגדיקן אָטעם
און מיינע ראָזע בריסטן פאַלן
אין חלשות —
אַ פאַרגעסענער חלום.

מיינע חלומות ציען אין ווייטע ווייטנס —
שטראַלן היגטער שוואַרצע וואָלקנס פון דער זון.
פעדים אויף מיינע נערוון רייטן
ווי פליגלעך בישט פילנדיק אויף מיין גוף.

כ׳קען מיינע ווערטער

ווי אַ בעטלער גיי איך און פרעמדע מיך באַקוקן
שוואַרצן בלאָע הימלען אונטער מיינע טריט.
אויגן מיר באַטראַכטן מיט אַזאַ רחמנות,
ווילט זיך מיר אויסשרייען — ציטערן די ליפּן
שעם איך זיך צו וויינען, וויינען מיינע גלידער.
אָ גאָט, בייג נישט מיין רוקן;
איך וויל פון מענטש קיין מיטלייד ניט.
מיט פאַלשקייט אָנגעפילט זייערע נשמות.
שלאַנגען „גיפט״ (סם) פון זייערע ליפּן טריפן
און סם׳ען מיינע ווערטער מיינע לידער.

אַ פאַרוועלקטע בלום

ס׳איז שטיל אין גאַס.
איך קאָן אין שטוב נישט זיצן.
וואַנדער איך געדרייטע שמאָלע גאַסן.
יונגער חלום טראָגט זיך פאַר די אויגן
און אין מוח איז אַ ווינטמיל דאָרטן:
גייט אַ מיידל אויסגעפּודערט, טויט-בלאַס.
אויגן אויסגעלאָשענע — נאָר בליצן —
קוקנדיק אויף איר געוואָלט האָט מיר זיך האָסן:
וועלכער מאַן מיט אַזאַ וואָלט זיך וועלן לייגן?
אַ פאַרוועלקטע בלום פון מענטשן גאָרטן...

זעלבסטמארד

ער קומט פון גאַס אַ מידער
און וואַרפט פון זיך דעם ראָק
און אין בעט וואַרפט זיך אַנידער,
אין די שלייפן קלינגט ווי אַ גלאָק.
שלאָפן קאָן ער נישט; טראַכטן נישט קאָן —
צעריסן עס ווערט אים דער מוח:
„גאָט גיב מיר דעם ענטוועך — וואָס טאָן?
צו לעבן פאַרלאָרן דעם כוח״.
ער ציט דעם רעוואָלווער מיט אויגן ווילד!
די ציינער שניידן דעם גומען.
ווי אין אַ טומאַן ווערט ער איינגעהילט
אין הילך פון קנאַל — ווערט אַלץ פאַרשוואומען...

ייצט עלענט דיין טראַט

וואָס זוכסטו נאַר, מיט אַזוי פיל יאָרן ביזט נאָך קלוג נישט געוואָרן?
דיינע טריט ציטערן מיט טרויער.
דיין אָטעם זוכט יענע יונגע קרעפטן,
ווייסט מיט זיי זיך שוין נישט חברן —
זיי פלאַטערן מיט פאַרשמורטע אויגן...
האָסט גאָר נישט אָפּגעשפּאַרט — די לייפנדיקע יאָרן?
האָסט פאַרזען דיינע האָר ווערן גרויער, גרויער?
מיט אַ פריינט נישט געוואָלט זיך באַהעפטן.
אָפּגעטיילט — געלאָזט זיך פערזשאַווערן —
ייצט עלנט דיין טראָט, עלנט, געבויגן.

בלינד

דער צער טרייבט אַרויס דעם שיין פון מיינע אויגן
און איך וועל טאַפּן ביי טאָג די נאַכט;
מיין גאַנג וועט דאָס גלייכע וועג נישט טרעפן,
פירן וועט מיך מיין שטעקן: דער הונט מיין וואַך.

חלומען פון בלויען הימל, וואָס ווערט מיר פרעמד
מיט פאַרשמורטע אויגן, וועל איך שלינגען טרערן
און הערן זינגען דעם נאַכטיגאַל
און וויינען וועלן אויגן בלוט און אָן טרערן...*

---

* בלינדע וויינען אָן טרערן.

פארגיב מיר

שטילע מינוטן ברייגען דערמאָנונגען
און שטראַשען און פינגערן.
די נאַאונטקייט טרייבט ער פון זיך:
אַלע וועגן פערגאַנגענע־קרומע.

זעט ער, צוריק, ווי פון אַ טיר,
די פייערדיקע שמיץ פון זיין יוגנט,
ווי בליצן זיי ווילן נישט גרינגערן
און בריען אַרויס פון ענגע שיך.
ער זוכט אַ רעטונג מיט אַ מינע, אַ פרומע —
בעט ער גאָט — פאַרגיב מיר!...

אירע אויגן האבן געגליטערט

איך וואַרף אַראָפּ פון זיך די שולד,
די שולד, געווען איז נישט כל מיינע;
ווי אַ בלום אין פעלד האָט זי געליכטיקט
און ריחדיק פאַרביק און בליציק
מיט טויבענע אומשולד געציטערט,
מיט זינגעוודיק געלעכטער, גערעדט.
— גלידער נישט געזען אַזוינע — פיינע
און געאייגלט נאָר אין מיין ריכטונג
און מיינע בלוטן געהיציקט —
אירע אויגן האָבן געגליטערט...

קיטס

קורצע במקום הקדמה

לייענדיק אייניקע פון קיטס טיטלען צו זיינע סאָנעטן — ענדימאָן, הייפעריאָן, סאָנעטס פון האָמער, הימנען פון אַפּאָלאָ, זעען די עלדישן מאַרמלען, אַלויב געזאַנג צו דער גרויסע וואַז — דער פּשוטער לעזער וואָלט אפשר אויסגעשטייטשט דאָס דער פּאָעט איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ ספּעציעלן קלייז, פון אַ קלויסטער גייסט; אפשר דער זון פון אַן אַריסטאָקראַט, אָדער אַ זון פון אַ פּראָפעסאָר פון גריכיש. קיטס איז נישט געווען פון אַהינטער טיר פון אַ פּאַלאַץ. זיין פּאָטער האָט געדינט אַלס אַ שטאַל אַרבעטער פון פערד און וועגן, האָט זיי גערייניקט און עסן געגעבן די פערד — פון זיידנס שטאַלן און פערד.

געבאָרן איז קיטס אין לאָנדאָן אין 1775, די טאָג דאַטע באַצייכענען צווי „דאַטעס" — אָקטאָבער 9 — אָקטאָבער 31טן. דזשאָן קיטס איז געווען צען יאָר ווען זיין פּאָטער איז געהרגעט געוואָרן אַראָפּגעפאַלנדיק פון אַ פערד; זיין מוטער אין אַ יאָר אַרום האָט ווידער חתונה געהאַט, נאָר גאָר אין קורצן זיך אָפּגעגט פון נייעם מאַן, זיך אומגעקערט צו איר מוטערס הויז אין עדמאָנטאָן. דער יינגל האָט זיך שטאַרק אָנגעפּלאָגט פון זיין מוטערס היים אין דאָרף: און אין דער שולע פון ענפילד אין אַ פאָרשטאָט פון לאָנדאָן, ווייל די אלמנה האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט אים שיקן אין האַראָו. כאָטש ער איז געווען געוואַקסיק, איז ער דאָך געווען צעקראָכן, נישט שטאַרק. פאַרקערט — אַן אײדעלער, דער לעגענ־דאַרישער פּאָעט, קיטס, איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער שלעגער. ער האָט זיך אָבער איבערבאַלוינט פאַר זיין אינערלעכער אומזיכערקייט פון דרייסטקייט־שלעג־לוסט. אין שולע איז ער געווען גוט באַקאַנט אַלס שלעגער.

קאַודיע קלאַרק: זון פון הויפּטמייסטער פון ענפילד האָט געדיינקט, אַז זיין מוט — ווי פון אַ יאַכט־הונט... קיטס ליידנשאַפט וואַקסט אומגעצוימט. זיין ברודער דזשאָרדזש איז אַביסל העכער און שטאַרקער פון אים.

זיין מוטער איז געשטאָרבן פון אויסצערונג. ער איז דאַן אַלט געווען פופצן יאָר. און אַן אויפזעער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דזשאָן און זיין ברודער — י. מ. פאָסטער. אין זיין קורצע דערציילונג „מיר און מיסעס אַבביס שוועריקייטן" איז מיט פריינטשאַפט און מיט סענסיטיווע געפילן געווידמענט צו קיטסן.

צו זעכצן יאָר איז ער געוואָרן אַ שיק־יינגל ביי אַ דאָקטאָר פון עדמאָנגטאָן; צו ניינצן איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן און פאַרלאָזן עדמאָנגטאָן. קאַודען קלאַרק, האָט אים געגעבן אַ קאָפּיע ספּענסערס „די פערי קיניגן"; ווען קיטס האָט געלייענט „האָמערן" אין טשאַפּמאַנס איבערזעצונג האָט ער אויפגעשריבן: „קוקנדיק אויף טשאַפּמאַנס האָמער". דאָס איז געווען דאָס וועלטס בעסטע, באַרימסטע סאָנעט פון קיטס.

סאנעטן

צו ליי האנט

רום און ליבלעבלעכקייט איז אַוועקגעשטאָרבן;
פּאַר אייביג מיר וואַנדערן אויס אין פריעסטן פרימאָרגן;
נישט אַרומגענומען אַלייב פאַרביטערט זעען מיר אונטערגעשטיצט
אין מזרח, צו זען דעם שמייכלענדן טאָג:
ניט קיין יינגע פון וואַלד מיידלעך ווייכע שטימען און יונגע, און פריילעכע,
אין געפלאָכטענע קערבלעך געבראַכט זאַנגען פון קאָרן,
ראָזעס, און פינק, און וויאָלעט, צו באַשיינען
די הייליקע קאַסטן די בלויע און איר באַגינען פון מאַי.

נאָר ס׳איז דאָרט געבליבן צופרידנקייט ווי וויכטיק די דאָזיקע
און איך זאָל תמיד בענטשן מיין מזל,
דאָס איז אַ צייט, ווען אונטער צופרידענע ביימער
פילן ווערט מער ניט געזוכט, איך פיל אַ פרייער,
אַ גרינגער עולם־הזה, קאָן איך זיין צופרידן
מיט דעם אָרעמען נדבה, אַ מענטש ווי דו.

* * *)

ווי הערמעס האָט אַמאָל גענומען זיין פּאַטערס פייער,
ווען ער האָט פאַרוויגט אַרגאָס, אָפּגענאַרט, פאַרחלושט און איינגעשלאָפן,
און אַזוי ווי אויף אַ נביא׳ס־פייפל, מיין גאָטס גייסט
האָט געשפּילט, האָט געשיינט, האָט באַזיגט, באַרויבט און אַנטלאָפן.

די דראַגאָן־וועלט פון אַלע זייערע הונדערט אויגן;
און, זעענדיק דאָס אין שלאָף, איז עס פאַרפלויגן ווי אַן וואָג —
ניט צו ריין דער נאָמען מיט זיינע שניי־קאַלטע הימלען,
אויך ניט צום טעמפּל וואו יופּיטער האָט געטרויערט אַ טאָג;

נאָר צו דעם צווייטן רינג פון טרויעריקן גיהנום,
וואו זייער גייסט האָט דער ווירבל־ווינט צעריסן
פון רעגן און האָגל־שטיינער, פאַרליבטע דאַרפן ניט זאָגן
זייערע ליידן, בלאַסע וואו די זיסע ליפּן האָב איך אַזש געביסן...
בלאָס זיינען געווען די ליפּן וואָס איך האָב געקושט, און שיין אויסגעפאָרמט
בין איך געשוואומען מיט, איבער דעם מעלאַנכאָלישן שטורם־זיסן.

---

*) אַ חלום, נאָך לייענען דאַנטעס עפּיזאָד פון פּאַולאָ און פראַנסיסקאַ.

צו האַמילטאָן רייַנאָלדס

אָ דאָס אַ וואָך קאָן זיין אַן אייביקייט, און מיר
פילן אָפּגעטיילט מיט חשק צו טרעפן זיך יעדע וואָך,
דאַן וואָלט איין אָרימער יאָר אַ טויזנט יאָרן געווען,
די פרישקייט פון פריידיקייט אויף די באַקן געלעגן איז נאָך:
אַזוי קאָנען מיר לעבן אַ לאַנגען לעבן אין אַ קליינעם אַטמאָספער,
אַזוי צייט אַליין וואָלט זיך אומגעבראַכט, אַ ייִנגער,
אַזוי אַ טאָגס רייזע אין פאַרגעסנקייט נעפּל
צו באַדינען אונדזער פרייד וואָלט זיך פאַרציען נאָך לייִנגער.

צו קומען יעדן מאָנטיק מאָרגן פון אינדיע!
צו לאַנדן יעדן מיטוואָך פון רייכן „לעווענט"!
פאַר אַ קלייִנער צייט אַ גאַסט פון גליק צו בינדן,
און האַלטן אונדזערע נשמות אין איין אויביקן צערטלען מיט די הענט!
דער הייַנטיקער מאָרגן, מיין פריינט, און נעכטן אָוונט געטראַכט
מיך ווי אָנצוקלייבן אָט אַזאַ גליקלעכן געדאַנק ביינאַכט.

סאָנעט

די מענטשלעכע סיזאָנען

פיר סיזאָנען פיל די מאָס פון דעם יאָר;
ס'איז דאָ פיר סיזאָנען אין געדאַנק פון מענטש פאַראַן:
ער האָט זיין פריילאַכן פרילינג, פאַנטאַזיש און ריין
נעמט אַריין די גאַנצע שיינקייט מיט אַ גרינגן שפּאַן:
ער האָט זיין זומער, ווען פאַרגעניגנדיקע
פרילינגס פאַרזיסטער איבערקיי פון יוגנטלעכן דענקען פון ליבעס
צו דערגרייכן ,און ביי אַזעלכע נאאונטיקע חלומות
זיין נאאונטער צום הימל: שטיל איבערדיינקען די סיבות.

זיין נשמה האָט זיין הערבסט, ווען זיינע פליגלען
ער נעמט אָן אין נאאונט; צו פרידן אַזוי איז דאָס ווייזט אויס
אויף זיין נעבלדיקן טאָן גאָרנישט — צו לאָזן שיינע זאַכן
אַדורכגיין די נישט געטאָנענע ווי אַדורכגיין אַ טייכל בלויז.
ער האָט זיין ווינטער אויך פון בלייכע סיבות,
אויב ניט וואָלט ער זיך איבערגעגעבן זיינע שטערבלעכע טביות.

סאנעט צו בייראן

בייראן, ווי זיס אומעטיק דיין ניגון!
די טענער זיינען דאָך נשמהדיק געשמאַק.
ווייכע רחמנות'דיקע, מיט אומגעוויינלעכער מאַכט,
האָסט באַרירט די קלאָגנדיקע פלוט און אַלעס צום טאַקט
האָסט נישט אויפגעכאַפּט די טענער, אויך נישט לײדנדיק געמאַכט צו שטאַרבן.
אָ, שאַטנדיקע ליידן, דאָס מאַכט דיר נישט ווייניקער
געשמאַקפול; דיר דיין טרויער־פאַרשטויבטע קליידונג
מיט אַ ליכטיקן וואָס מאַכסטו? יאָ שטראַלענדיקער, אַ שיינענדיקער.
ווי אַ וואָלקן די גאָלדענע לבנה וואָלט איינגעדעקט,
די זייטן זיינע קלינגען אַרויס פון אַ שפּריצענדיקן פלאַם,
דורך דעם שוואַרצן מאַנטל פון בורשטין־שטראַלן צו באַהערשן וואָג.
און ווי שיינע אָדערן אין סייבל מאַרמאָר פליסט;
דאָך זינגט אַ שטאַרבנדיקער שוואַן! דערציילט נאָך אַ מעשה,
די באַצויבערדיקע מעשה, די מעשה פון אַן אַנגענעמער ווייטאָג.

דו קאַנסט נישט עסן טאַרט און האָבן משלים

ווי צו היצט איז דער מאַן, וואָס קאָן נישט קוקן
איבער זיינע שטאַרבענדע טעג מיט היציקער בלוט־האַפּט,
וועלכער פלאָגט אַלע בלעטער פון זיין לעבנס בוך,
און דעקט איין זיין שיינעם נאָמען מיט דאָס מיידלשאַפט;
דאָס ווי די בלום וואָלט אַליין אָפּגעפּליקט,
אָדער די רייפע פלוים־פינגער זייער פייכטע בלום
ווי האַלב־מענטש האַלב־חיה, ווי אַן אַריינגעמישטער שד,
זאָל פאַרשוואַרצן איר ריינקייט מיט בלאָטיקע פינסטערטום,
נאָר די בלום־בלעטער, זיי אַליין איבער דעם קוסטאַרניק,
פאַר די ווינטן צו קושן און דאַנקבאַר די בינען צו נערן,
און די רייפע פלוים אַלץ נאָך טראָגט זיין דונקעלע קליידונג,
די רואיקע טייך האָט אַ קריסטאַליזירטן דורכגאַנג גערן,
וואָרום זאָלן מענטשן רייצן די וועלט פאַר הערלעכקייט,
שעדיקן זיין גליק פאַר אַ צרה'נדיק פאַרברעכן — הערן?

צו פרויען וואָס האָבן מיך געזען קרוינען

וואָס איז דאָרטן אין דער אוניווערסאַלער ערדס גאַנג
מער לעבלעכער ווי אַ קראַנץ פון דער ים־בוים?
פּילייכט אַ ליידיקע קיילעכדיקע לבֿנה — אַ ווונד־געזאַנג:
ווי דער גלאַנץ פון דיינע אויגן פלאַם טרוים
און גליקלעך וועסטו זאָגן די טויאיקע געבורט־טעם
פון מאָרגן ראָזן — אויסגעשפּרייט צערטלעך געקערט
געשפּרייט פון קינג פישערס ברוסט איבערן ים —
נאָר דער פערגלייך איז גאָר ניט ווערט —

דען דאָרטן איז גאָרניט אין עדר וועלט אַזוי צו זאָגן?
די זילבערנע טרערן פון אַפּריל? — יוגנט פון מאַי
אָדער יולי וואָס אָטעמט אויס לעבן פאַר די פוטער פליגן־ביי?
ניין — גאָרניט פון די דאָזיקע קאָן מיין באַליבטן־קראַנץ טראָגן
אַ וועק די פלאַם — דאָך ווערט עס קיינמאָל באַצאָלן ניט בויגן
קומט די אַכטונג צו אייך די מערסטע באַהערשענדע אויגן.

אָזימענדעס

איך האָב אָנגעטראָפן אַ רייזנענדן פון אַן אַלט פרייגקיש לאַנד
ער זאָגט: צוויי גרויסע אָן קערפּערס פון אַ שטיין אַ שווערן
שטייט אין מדבר... לעבן זיי אויפן זאַמד.
האַלב פאַרזונקען אַ צושמעטערטער מיט אַ געזיכט אַ צעקנייטשטן שטערן,
און צעקנייטשטע ליפּן, און שפּאָט מיט באַפעל קאַלטן לאַכן
זאָגט דאָס איז זיין סקולפּטור פאַרמעגלעך זיין גרויסקייט ווייזט
וואָס איז נאָך איבערגעבליבן אַ שטעמפּל אויף די טויטע זאַכן,
די הענט וואָס האָט געפּלייסט, און די הענט וואָס האָט געשפּייזט:

און אויפן פּעדעסטאַל די דאָזיקע ווערטער ווייזט:
מיין נאָמען איז אָזימענדעס, קינג פון קיניגער;
קוק אויף מיין מלאכה, אַלץ מעכטיק, און האָפנונלאָז
גאָר נישט אַ חוץ די איבערבלייבעכץ. אַרום איז פאַרפוילט — ציניקטער
פון דאָס מעכטיקן פאַרניכט, — אַ באַנדל אַ נאַקעטער פלעק
דער פלעק איז אַ גלאַטער זאַמד צו שפּרייט זיך ווייט אַוועק.

סאנעט

צו דעם ניל

זון פון די אַלטע לבנה־בערג אַפריקאַנער!
הויפּט פון די פּיראַמידן און קראָקאָדילן!
מיר רופן דיך פּרוכטבאַר, און, אין דער זעלבער צייט,
אַ מדבר פּילט אונדזער זעאונג ניט פּאַרטרויט שפּאַנען־פּילן;

נערן פון ברוינע פּעלקער זינט אָנפאַנג פון דער וועלט,
ביזט אַזוי פרוכטבאַר? אָדער טוסטו אונדז נאַרן, מאַן
אַזוינע מענטשן צו ערן דיך, ווער, אַן אָפּגעשוואַכטער פון יאַך,
שטעל זיך אָפּ זוך פּאַר אַן אָרט צווישן קאַירא און דעקאַן?

אַ מעגסט אין שוואַרצע פאַנטאַזיעס בלאָנדזשען! זיי טוען גאַנץ געוויס;
ס'איז אומוויסענד, וואָס מאַכט אומפּרוכטבאַר, פּאַרלוסט
אויף אַלץ איבער זיך אַליין, דו ביסט ניט אמתדיק באַנעצט.
גרין לויפן ווי אַנדערע טייכן, און ביזט נישט בע'טעמ'ט ס'באַוואוסטע
די אַנגענעמע זון גייט אויף, גרינע אינזלען האָסטו אויך,
און צום ים ווי גליקלעך טוסטו איילן מיט לוסט.

צו אליזא שטיין

הער צו, דו שפּיציקער ים פּיראַמיד!
גיב אַן ענטוועער פון דיין קול, די ים־קאַטשקעס שרייען!
ווען איז געווען דיינע פליייצעס צו שמעלצן אין שטראָמען?
ווען, פון דער זון, איז געווען דיין ברייטער שטערן באַהאַלטן?

ווילאַנג איז דאָס זינט די מעכטיקע קראַפט דולדעסט
די שפּלדיקייט צו האַפּטיקן שלאָף טיפן חלום?
שלאָף אין דעם שויס פון דונער פון זון שטראַלן,
אָדער ווען גרויע וואָלקנס וועט דיין קאַלטן בעט צודעקן.

דו ענטווערטסט ניט; ווייל דו ביזט טויט איינגעשלאָפן;
דיין לעבן איז נאָר צוויי טויטע אייביקייטן —
דער לעצטער אין דער לופט, דער פאַריגער אין דער טיף;
צו ערשט מיט דעם „וואָהל־פיש" צום סוף מיט די אָדלער הימלען —
געוועזן דערטרונקען ביז אַן ערדציטערנגעש געמאַכט דיך שטיף:
אַ צווייטער קאָן ניט מאַכן דיין גיגאַנטיק מאָס.

געשריבן אויפן צודעק פון בען נעוויס

לייען מיר אַ לעקציע, מוזע, און רעד דאָס הויך
אַריבער די הויך פון נעוויס, בלינד אין נעפּל!
איך קוק אַריין אין עפענונג, אין תכריכים ווייך
אויפגעפּאַרעט וואָס באַהאַלט זיי, — פּונקט אַזוי ווינטש איך אויך
די מענטשהייט ווייס פון גיהנום, כ׳קוק אַריבער ווייט,
און דאָרטן איז בייזער נעפּל, — אפילו אַזוי פיל
קאָן מענטשהייט זאָגן פון הימל; נעפּל איז צושפּרייט
בעפאָר די ערד, אונטער מיר, — אפילו אַ זעלבעס — גייט.

אפילו אומבאַשטימט איז מענטשנסבליק אויף זיך אַליין!
דאָ איז די פעלזן שטיינער אונטער מיינע פיס, —
אַזויפיל ווייס איך דאָס, אַן אָרעמער פערריקטער שד,
טרעט איך אויף זיי, — דאָס אַלץ וואָס מיין אויג באַגעגנט שוין
איז נעפּל און פעלדז, ניטנאָר אויף די דאָזיקע הייך,
נאָר אין דער וועלט פון דענקען איז גייסטיק שטאַרק אויך!

סאנעט

בעפאָר ער איז געגאַנגען עסן מיט אוילעל און פעדערמייז
נבוכדנצר האָט געהאַט אַ חלום אַ מיאוסן,
ערגער ווי אַ פלאַפלערין וועןזי דענקט פון שמעטענע ווייס
געמאַכט אַ „———שהיא״ פאַר מייז און ראַצן געניסן.
אַזוי דערשראָקן, האָט ער געשיקט נאָך גוטן קינג פון קעץ
יונגער דניאל, וואָס האָט גלייך אַרויסגענומען דעם שפּענדל־שטריי
פון זיין אויג, און געזאָגט, ער האָט ניט געאורטיילט אַז
דער „סעפּטער״ איז ווערט אַ שטרוי — זיין זיך־קישן מיר־חברים צוויי.

אַ יאָגענדיקע נאַכטשרעק ענלעך ווי עפּעס, דער עיקר
די קעגנוואַרט וואָלט אים פאַרפּאָלגט, אַממערסטן שמוציקע שיף הענט,
מערסטן שטומע נאַרישע און רייזע הענדלער — האָט מען אונדז געזאָגט
דאָס יעדער דניאל מעג זיין א שוטה אַ שיכור
קאָן מאַכן די אונטערשטע ליפּ פערוואַנדלען אין אַ בלייכן פאַרב
פון אויסגרעבצן „אויך זענען דאָס שטעקן־קעפּלעך פון גאָלד״.

צו פּענין

איך וויין פאַר רחמנות — רחמים — ליבע! אייביק ליבע!
רחמנותדיקע ליבע וואָס ווידערהאַלט זיך ניט,
איין געדאַנק, קיינמאָל וואַנדערט ניט, ערלעכע ליבע,
אַפּגעדעקט, און זעבאַר אַן אַ פלעק ער גיט!
אַ! לאָז מיך האָבן אין גאַנצן — גאָר — גאָר זיי מיין!
די פיגור, די שיינקייט, דעם זיסן דינעם לוסט
פון ליבע, דיין קוש, — די דאַזיקע הענט, די דאַזיקע געטלעכע אויגן,
וואָס וואַרעמט, ווייס, שיינענד, מיליאַנען — פאַרגעניגן אין ברוסט.

דיך אַליין — דיין נשמה — מיט רחמנות גיב מיר גאָר די קראַפט,
באַהאַלט ניט קיין אָטעמס — אָטעם אָדער איך שטאַרב,
אָדער לעבן אויף אפשר, זיין צום בעט פערשקלאַפט?
פאַרגעס אין צו ווישן פון אידעאַל, ליידן, פערדאַרב.
לעבנס כונה, — דער געשמאַק פון מיין פערשטאַנד
פאַרלירן זיין פאַרגעניגן, און מיין אַמביציע שוואַכע האַנט!

זעענדיק די עלגין מאַרמל

מיין גייסט איז צו שוואַך — אַ שטעברלעכער שאַרבן
וועגט שווער אויף מיר ווי אַ שלאָף ניט אַ ווילִיקער,
און יעדער פאַרגישטעלטער טורם און הויכלעכער
ווי פון אַ געטלעכע שטריינקייט, זאָגט צו מיר אַז איך מוז שטאַרבן
ווי אַ קראַנקער אַדלער קוקנדיק אויפן הימל קאַלטן,
דאָך אַ גרינגער פאַרגעניגן צו וויינען
דאָס איך דאַרף ניט די וואָלקנדיקע ווינטן האַלטן,
פריש פאַר דעם אָפּעפענען פון מאָרגנדיקן שיינען:

אַ זעלכע טונקלדיקע בעהאַלטענע דערהויבנקייט אויפן מח
ברייגנט ארום דער הארץ אַן אומבעשרייבלעכן פאַרדינסט;
אַזוי טוט די וואונדערס אַ מאָדנעם שמערץ שווינדלערישן כח
וואָס צומישט גריכישע דערהייבנקייט מיט אַ שרעקנקייט געפינסט
פאַרצערן פון דער אַלטער צייט — מיט אַ ווילנג הויפּזעכטלעך —
אַ זון — אַ שאָטן פון עפּעס וויכטיקייט-געטלעד.

סאָנעט

(געשריבן אין דעם שטיבל וואו בוירנס איז געבוירן)

דער שטאַרבענדער קערפּער פון אַ טויזנט טעג
ייצט פילסט, אַ בוירנס, אַן אָרט אין דיין אייגענעם צימער,
וואו דו האָסט געטרוימט אַליין אויף דיין שפּראַצנג וועג,
גליקלעך און געדאַנקלאָז פון דיין טאָג פון שטאַרבן — אימער!
מיין „פּולס" איז וואַרים מיט דיין אייגענעם גערסטן ברויט,
מיין קאָפּ איז לייכט זיך אויסצוטענהן מיט אַ גרויסן גייסט,
מיינע אויגן וואַנדערן, און איך קאָן ניט זעען גרייט,
פאַנטאַזטיש איז טויט און שיכור צו זיין ענד זיך באַווייזט;

קאָן איך נאָך אַ שטעמפּטאָן מיין פוס צו דיין פּאַדלאָגע,
קאָן איך נאָך עפענען דיין פענסטער־טירל צו געפינען לינד
די סטעזשקע וואו דו האָסט געטראָטן דאָ און דאָרט, —
קאָן איך נאָך דיינקען פון געלד־קאָסטן דיינקען איז בלינד, —
קאָן איך נאָך אַ טרונקטאָן אַ בעכער ביי דיין נאָמען־זייט, —
אַ שמייכל צעווישן שאָטנס, ווייל דאָס איז באַרימקייט!

סאָנעט

(ביי באַזוכן דעם קבר פון בוירנעסן)

די שטאָט, די קירכע־הויף, און די זון אונטערגאַנג,
די וואָלקנס, דיביימער, די קיילעכדיקע־בערג זעען זיך.
כאָטש שיין, קאַלט־פרעמד — ווי אַ חלום קלאַנג.
איך האָב געחלומט לאַנג צוריק, ייצט פון ניי פאַנג אָן גיך.
דער קורצער לעבן, זומער שפּיל איז דאָך געוואונען
פון ווינטער קאַלטן ציטער, פאַר אײן שעה שטראַלן־שיין;
כאָטש סאַפּאיר־וואָרים, זייערע שטערן שטראַלן קיינמאָל, צערונען;
אַלץ איז קאַלט שיין; שוואַרץ ענדס קיינמאָל אָן פּיין:

פאַר יענעם וואָס האָט שכל צו דער שמעקן, איז אויך קלוג,
די אמת'ע שיינקייט, פריי פון דעם טויטן קלאַנג
קראַנקע פאַרשטעלונגען און קראַנקן שטאָלצן קרוג,
וואַרפט ‏בלייך אויף דעם! בוירנס! דיר ערע פון לאַנג.
איך האָב אָפּט דיך גיערט. גרויסער שאָטן, באַהאַלט
דיין פּנים; איך זינדיק אַקעגן דיינע געבורט הימלען — אַ ציטער באַפאַלט.

אויף דער בילד פון לינדער

קום נאאונטער אַלע זיסע מיידלעך איינגעהאַלטענע,
אַרונטער־קוקנדע באַשטענדיקע, מיט מוסרן זיך גרינגער מאַכן,
באַהאַלטן זיך אין פרענזן פון דיינע ווייסע ברעמען,
און ווייכהאַרציק לאָזן דיינע שיינע הענט זיך איינפלעכטן,
ווי איידל אַזוי דאָס איך אויך קאָן ניט זען,
אומבאַרירטקייט, אַ קרבן פון דיין שיינקייט פראַכט,
אַראָפּזינקען זיך צו זיין יונגן געמיטלעך נאַכט, —
אַראָפּזינקען צומישטערהייט צו ווישן דעם טרויעריקן ים:
ס'איז יונגע מאַגערע מלאכה צו זיינע טויטע טיפן;
וועט כמעט חלשן, פאַר זיין גאָלד־בייטל, זיינע לאַנגווייליקע ליפּן
פאַר העלדישע באַקן, און שמייכלען אַקעגן איר שמייכל.
אַ איבערגעאיילטע חלומות! זע ווי זיין קערפּער בויט זיך
טויט־שווער; הענט און פלייצעס באַקוק אַ ווילע גיך.
ווי זייפנבלאָזן גאָר זיין פאַרליבקייט איז אוועק ווי אַ רויכל.

סאָנעט

פאַר שלאָפן

אַ ווייך עמבאַלזאַמירטע פון דער שטילער מיטנאַכט,
פערמאַכן, פאַרזיכטיקע פינגער און שטיל,
אונדזער פינסטערקייט, צופרידנדיקע אויגן, אין חדר פון ליכט,
אין שאָטן פון פאַרגעסנקייט, הייליק־קיל:
אַ פערטשאַזעטער שלאָף! אויב אַזוי איז פרידנקייט צו דיר, מאַך צו
אין מיטן פון דאָס דיין תפילה מיינע ווילנדיקע אויגן
אַרום מיין בעט וויגן זיך בעל־צדקה'ניקעס און בייגן.
אַרום מיין בעט דיך וויגן זיך בעל־צדקה'ניקעס און בייגן.
טאָ היט מיך אויס, און דער פערגאַנגענער טאָג וועט שיינען
איבער מיין קישן, אָטעמען אַ סך ווייען, —
היט מיך אויס פון קוריאָזנע געוויסנביסע ,וואָס איז נאָך גאָט'ס
זיין גבורה פאַר פינסטערניש, באַרגן ווי די מוילס; דרייען
די שליסל שטיל אין דעם אויליקן שליסל־לאָך,
און פערמאַכסט די שטילע טרונע (ארון) פון מיין נשמה ווייען.

אויפן ים

ער האלט זיך אויביק מורמלענדיק אַרום
אויף איינזאַמע ברעגן און מיט זיין מעכטיקן אויפשוים
פאַרשלינגט צוויי־מאָל טויזנט היילן, ביז דעם צויבער
פון העקעט*) פאַרלאָזט זיי זייער אַלטן שאַטנדיקן קלאַנג אויפקום.

אָפטן איז דאָס אַזוי איידל מאַכן ווייך צו שמעלצן,
דאָס העלט ווי די זעלבע קלענסטע ים שישעלע
ווער איבערטראָגן פאַר טעג פון וואָנען צייטנווייס עס פאַלט
ווען לעצטן די ווינטן פון הימל איז געוועזן ניט געצאַמט אַ ביסעלע.

אַ איר! ווער האָט אייערע שוואַרצאַפּל געפלאָגט און אויסגעמאַטערט,
זייט יום־טוב׳דיק איבער די דרייסטקייטן פון ים;
אַ איר! וועמענס אויערן קלינגען מיט אַן אַלאַרם האַרט,
אָדער זיך אַנגעקאַרמעט צו פיל מיט ניגונים טעם —
זיצט איר נעבן עפּעס אַן אַלטן הייל עפּענונג מיט די קינדער
ביז איר פאַנגט אָן, ווי ס׳וואָלט די ים־מיידלעך צעזונגען זיך מיט פלאַם.

---

*) די געטן פון דריי — לבנה, ערד און אונטער ערד.

אן א זיפץ געיעג פאעם

„די געשיכטע פון רעמיני״

ווער ליבט זיך צו חברן ביי דער מאָרגן זון,
מיט האַלב־פאַרמאַכטע עינים און אויפגעבליטע באַקן רופן,
לאָזט אים, מיט זיין זיסער דערציילונג, פיל אָפטן זוכט
פאַר טייכן וואו די קליינע טייכלעך לויפן;
ווער ס׳ליבט זיך אויסצומישן מיט דער ברייטקייט
פון הימל — העספעראס — זאָל ער ליבלעך ריידן
די דאָזיקע צאָלן צו די הייכקייטן, צו די שטערן־ליכט שטילע,
אָדער לבנה, אויב דאָס פון יאָכט הויפּט אָן צו ריידן.

ער וואָס ווייסט דעם דאָזיקן פאַרגעניגן, אויך איז נידערוועדט
צו מאָבילזירן איבער אַ שמייכל אָדער איבער אַ טרער צוקן,
וועט געפינען גלייך אַ געגנט פון זיין אייגנס,
אַ ביידל פאַר זיין גייסט, און זיך זעלבסט פירן, קוקן
צו אַ שטעזשקע וואו די סטיר־סאָנע־בוים וואַרפט אָפּ אירע שישקעס,
וואו די ראָבינס*) שטיפן, און פאַלנדע בלעטער זענען טרוקן.

---

*) ראָבין — אַ פויגל מיט אַ רויטן ברוסטל.

סאָנעט

נאָך אַ דונקל טומאַן האָט צוגעדעקט אונדזער פּלאַך
פֿאַר אַ לאַנג דריפּלדיקן סיזאָן, קומט אַ טאָג צו וועקן
געבאָרן פֿון איידל דרום זייט, און רייניקט די דאַך
פֿון די קראַנקע הימלען אַלע אונגעזעענע פֿלעקן.

דעם אַנגסטן חדוש, בעפרייט פֿון זייערעליידן,
נעמט ווי אַ לאַנג פּאַרלאָרענער, גלייך דערפֿילט מען דעם מאַי
די ברעמען פֿון דער אָוועקגייענדער קאַלטקייט-שפּיל ווי זיידן
ווי בלומען בלעטער מיט טראָפּנס פֿון זומער רעגן פֿריי.

די שטילסטע געדאַנקען קומט אַרום אונדז; ווי פֿון בלעטער
די שפּראָצנג און — פֿרוכט רייפֿן זיך אויס אין שוויגענדער האַרבסטיקן זון
שמייכלען פֿון אָוואונט צו דעם שטילן וואַסער —

זיסע „סאַפּפֿעס" באַקן — אַ שמייכלעדנער קינדערשער אָטעם —
די שטופּענווייזע זאַמד ווי דאָס גייט דורך אַ גלאָז-זייגער לויפֿט —
אַ וואַלדלאַנד אַ טייכעלע — אַ פּאָעטס טויט אַ בלאַסער.

סאָנעט

געשריבן אויפֿן סוף פֿון אַ בלומען בלאַט

די דאָזיקע אָנגענעמע דערציילונג איז ווי אַ קליינער באַלוינונג:
די נשמהדיקע שורות מאַכט נייע אונטעפּלעכטונג מערן
צו האַלטן דעם לעזער אין אַזאַ זיסן שטאַנד,
דאָס ער זאָל דאָ און דאָרטן די פֿולע הערלעכקייט הערן;
רואיק קאַלט און פּלוצים אַ קעגן זיין פּנים ביי נאַכט
און אין שפּעטער צייט פֿילט ער די טוי טראָפּנס;
און ביי די וואַנדערדיקע מעלאָדיען זאָל שפּירן
אין וועלכן וועג די בע'טעמ'טע לעגענדע ווי די קאַנאַפּליאַנקאַ[1] זיך לוסטיק מאַכט.

אָ! וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט האָט געהאַט די קלאָרע פּשוטקייט!
וואָס פֿאַר אַ שטאַרקע קראַפֿט האָט די פּשוטע געשיכטע!
איך דאָס פֿאַר תמיד פֿיל דעם דורשט פֿאַר רוהם פֿאַר ערע.

קאָן אַט ביי דער רגע זיך דערלויבן צו לייגן
באַשיידן איבער די גראָז ווי פֿון יענע וועלכע זיפֿצען
זיינען געהערט געוואָרן פֿון קיינעם אַ חוץ טרויערן פֿון די ראָבינס[2]
אין די צווייגן.

---

[1] — אַזאַ פֿויגל, [2] — אַ פֿויגל מיט רויטע בייכלעך.

סאָנעט

צייט דער ים איז געווען פינף יאָר פון זיין ניט געאײַלטער אַפּפלוס,
לאַנגע שעהן האָבן הין און קאַריק געלאָזן קריכן דעם זאַמד,
זינט איך האָב זיך פאַרפלאָנטערט אין דיין שיינעם געוועב
און זיך פאַרוועבט אין דיין אָפּגעדעקטע האַנט.
און דאָך קוק איך קיין מאָל אויפן מיט־נאַכטיקן הימל,
נאָר איך דערזע דיינע אויגן אַ גליקליך אַנדיינק גלי;
איך קאָן ניט קוקן אויף די בלומען פאַרב,
נאָר צו דיין באַק מיין נשמה, וואָס ציט זיין פלי.

איך קאָן ניט קוקן אויף קיינע בליענדיקע בלומען,
נאָר מיין געהער־אויער, אין פאַנטאַזיע מיט דיינע ליפּן בייט
און זיך צוהערנדיק פאַר אַ ליבעס־קלאַנג, איז פאַרצערונג
זיין זיסקייט אין פאַרקערטן זין — דערלייכסט די דונקלקייט
יעדע לוסט, פערגעניגן מיט זיסע דערמאָנונגען,
און טרויער צו מיין טייערסטער פאַרגעניגן — ברייגנט די צייט.

סאָנעט

אַ ווי איך ליב אין אַ שיינעם זומער אָוואונט,
ווען שטראָמען פון ליכט גיסט אַרונטער דעם גאָלדן מערב־ראָזן,
און אויף די באַלזאַם זעפּריס רואיק רוט
די זילבערנע וואָלקנס ווייט — ווייט אַוועק צו איבערגעלאָזן
אַלע קליינלעכע געדאַנקען, און נעמען אַ זיסן אָפּרו
פון קליינעם אַכט; צו געפינען, מיט גרינגערן וואונטש צו קריגן,
און אַ געשמאַקן ווילדקייט, מיט נאַטורס שיינקייט צו געקליידט,
און דאָרטן און צו דערפרייען מיין נשמה פון בעטריגן.

דאָרטן וואַרימט מיין ברוסט מיט פאַטריאָטישע לערע,
דיינקען פון מילטאָנס גלויבן אויף סידניס טויטן וואָגן —
ביז זייערע גרויזאַמקייט וואַקסט אויס פאַר מיין פאַרשטאַנד:
אפשר אויף די פליגלען פון פאָעזיע זיך טראָגן?
פיל מאָל פאַרלירן אַ באַ׳טעמ׳טן טרער
ווען אַביסל מעלאָדישע ליידן פאַרלירט מיין אויג־שווער.

סאָנעט

אויף פרידן

אַ שלום! און איצט מיט דיין קעגנוואָרט זיי געבענטשט
די וואוינונגען פון דעם דאָזיקן קריג — אַרומגערינגלטער אינזל;
שמייכלט מיט מילדע ברעמען אונדזער געוועזענער אומגליק,
מאַכן די דרייפאַכע מלוכה אַ פאַרשטענדלעך שמייכלענדיקער פינסל?
פריילעך באַגריס איך דיין קעגנוואָרט; און איך באַגריס
די זיסע חבר׳שאַפט וואָס דערוואַרטעט דיך;
פאַרפולט מיין פרייט — זאָל נישט פאַרלירן מיין ערשטן וואונטש;
זאָל די צוקער־זיסע באַרג־נימפט דיין אויסוואַל זיין גיך.

מיט ענגלאַנדס גליק רוף־אויס: איראָפּאַס פרייהייט!
אַ איראָפּאַ! זאָל ניט דיין קינגס סצעפּטער טיראַנען זען
דאָס דו מוזט באַשיצן דיין געוועזענעם שטאָט;
צוברעך דיינע קייטן, און אידל זאָג דו ביזט פריי;
גיב דיין קעניגלעכן געזעץ — לאָז ניט דורך די גרויסע גדולים;
אַזוי אַוועק מיטן פחד, זאָלסט געווינען דיין גליבן גליקלעך געטריי!

סאָנעט צו ספענסער

ספענסער! אַן אייפערזיכטיקער פאַרערער פון דיר,
אַ פערוואַלדעטער טיף צווישן דיינע הויפט פון די בוימער־שטעלן,
האָב לעצטן אַוועגט געפרעגט מיין צוזאָג צו פערפיינערן
בעסער ענגליש וואָס ועט מעגלעך קאַנקורירן דיין אויער צו געפעלן.

נאָר פאַר קליינע פּאָעטן איז דאָס אוממעגלעך
פאַר אַן אומבאַוויינטע ווינטערדיקע ערד, ווייט
צו אויפשטיין ווי אַ געטין מיט אַ גאָלדענעם פעדער
אַ פייער פליגלדיקע און מאַכן אַ טרויעריקן צו לוסטיקייט.

ס׳איז אוממעגלעך צו אַנטלייפן פון מלאכה
אַט די פלוצימדיקע און דערהאַלטנקייט פון דיין גייסטיקייט:
די בלום מוז טרינקען די נאַרונג פון דער ערדס־ברכה
בעפּאַר עס קאָן, אירס טאָן, ווייטער זייערע בליאונגס־בייט:

זיי מיט מיר אין די זומער טעג און איך
וועל פאַר דיין רוהם מיט פאַרגעניגן אורטיילן דיך.

ביי דערהאלטן א פאלם־קרוין פון לאי האנט

מינוטן לייפן גיך און ווי נאָך
גאָרניט אונערדיש האָט פאַרנאַרט מיין מוח
אין אַ מכשפת לאַבערינט — איך וואָלט גערן מיט פרייד
געכאַפּט אַן אומשטעבערלעכן געדאַנק צו באַצאָלן דעם חוב
איך קום צו דעם גוטהערציקן פּאָעט ווער האָט געזעצט
איבער מיין אַמביציע קאָפּ אַ רהום געווינס.
צוויי געבונדענע צוויגן קראַנצן ס׳איז כמעט ווייטיק
צו זיין געוויסן פון אַזאַ קריינדל.
די רו־צייט איז שווימענדיק, און קיינע חלומת קומען ניט
פּרעכטיק ווי איך וואָלט עס וועלן — נאָר איך זע
אַן איבער־געקוליעטן אַרונטער פון וואָס די וועלט מערסטן פרייז
טורבאַנען און קריינען, און פשוטע קעניגלעך ציכון׳ס;
און דערנאָך לויף איך אין אַ מאָדנעם אַ ווילדן פאַרגעניגן
פון אַלע די פילע רהומקייטן וואָס וועט מעגלעך זיין.

צוויי סאנעטן אויף בארימטהייט

באַרימטהייט, איז ווי אַן איינגיעקשנ׳טע מיידל, וועט אַלץ זיין צנועהדיק
צו יענע, וואָס ליבן זי מיט שקלאַפישע קניען,
נאָר טוען זיך איבערגעבן צו אַוועלכן ווערטלאָזן בחור,
און שטופּן אָפּ די יעניקע וואָס מער האַרציקייט קאָן מען געפינען;

זי איז אַ ציגיינערן, וועט ניט ריידן צו יענע
וועלכע האָבן זיך נישט גילערנט ווי אויסצוקומען אָן איר;
ליבעס־באַטריגער, ווענעס אויער האָט קיינמאָל נאָאונט ניט געוויספּערט,
וועלכע דיינקען זיי פאַרשעמען איר, וואָס רעדן וועגן איר;

אַן אמת׳ע ציגיינערקע איז זי, עגיפּטיש־געבאָרן,
אַ שוועגערן צו דער אויפערזיכטיקער פּוטיפרע;
יאָ ליבע־קראַנקע פּאָעטן, צאָלט איר מיט פעראַכטנג,
יאָ אַרטיסטן פאַרליבטע, משוגע וואָס איר זיינט!

באַהערש זיך, בויג זיך פאַר איר און זאָגט איר אַ זיי געזונט,
דערנאָך, אויב זי גלייכט עס, וועט זי נאָך לייפן דיר.

סאָנעט

וואָס האָב איך געלאַכט? קיין שטימע וועט זאָגן:
נישט גאָט, נישט דער טייפל פון זיבן תשובות גיהערט,
ווירדיק צום ענטוועך פון הימל אָדער פון גיהנום.
דערפאַר צו מיין מענטשלאַך־האַרץ האָב זיך אַמאָל גיקערט.

האַרץ! דו און איך זיינען דאָ טרויעריק און אַליין!
איך זאָג, וואָרום האָב איך געלאַכט! אַ שטאַרבענדער ווייטאָג!
אַ פינסטערניש! פינסטערניש!! תמיד מוז איך זיפצען;
פרעגן דעם הימל און גיהנום און האַרץ — אַנוצלאָז־וואָג.

וואָרום האָב איך געלאַכט? כ׳וויס דאָס וועט זיין אַ צייט,
מיין פאַנטאַזיע צו זיין אַממערסטן וואונטשן — געלאַסן;
דאָך וואָלט איך געגוי און דער זעלבער נאַכט פאַרשוואונדן,
און די וועלט׳ס בליענדע פלאַג־שטאַנג זען איך פאַסן;
אַ ליד, געהייבן, אין שיינקייט איז שטאַרקווירקלעך — באַשיינונג, —
נאָר דער טויט דער שטאַרקער — טויט איז לעבנ׳ס העכסטער באַלוינונג.

סאָנעט

געשריבן אויף „קינג ליער" לייענדיק נאָך אַמאָל

גילדענער צונג פון ראָמאַנס, מיט רואיקע מוזיק!
שיין שטאָלץ שרייט, קיניגן פון פאַרגאַנגענהייט — קום!
אָפשייד מעלאָדיעס אויף די דאָזיקע ווינטערדיקע טעג,
שליסאָפּ דיין פערצייטיקע עדל־יונגען און זיי שטום:
„אַדיע"! פאַר, איינס ווידער, די צרונדיקע דיספּיוט
אונטער פערדאַמונג און אומגעדולדיקער ערדזוכט
מוז איך ברענען דורך און דורך; עניוותדיק נאָך אַמאָל פּרובירן
די ביטער־זיסע פון די דאָזיקע שעקספּירישע פּרוכט:
הויפּט פּאָעט! און איר וואָלקנס פון אַלביאָן,
ערצייגער פון אונדזערע טיף אייביקע טעמעס, מערן!
ווען דורך דעם אַלטן דעמבוואַלד בין איך אַוועק,
לאָז מיך ניט וואַנדערן אין אַן אומפּרוכטבאַרן חלום הערן,
נאָר ווען איך בין פאַרצערט אין דעם פייער,
גיב מיר נייע פעניקס פליגלען צו פליען צו מיינע באַגערן.

סאָנעט

צו האָמער

שטייענדיק פון ווייטן אין גרעסטער אומוויסנקייט,
פון דיר הער איך און פון דעם פערקיילעכדיקן ערד, הימל־פלאַם,
ווי איינער זיצט בײַם ברעג און בײַנקט אפשר
צו באַזוכן „דאָלפין־קאָראַל״ (ים־פיש) אין טיפן ים.
אַזוי בײַזט געווען בלינד; — נאָר דער טול איז געווען צענומען,
ווײַל גאָט האָט אָפּגעדעקט הימל צו לאָזן דיך לעבן ווי אין טאָג,
און „נעפּטון״ האָט געמאַכט צו זינגען פאַר דיר זײַן וואַלד־בינשטאָק;
און „פאַן״ האָט געמאַכט צו זינגען פאַר דיר זײַן וואַלד־בינשטאָק;
אייביק אויפן ברעג פון פינשטערניש דאָרטן איז ליכט,
און אַ וואַנט אָפּצוים ניט באַטראָטענע גרינעס
ס׳איז דאָ אַ מאָרגנדיקע שפּראַצנג אין מיט־נאַכט,
ס׳איז דאָ אַ דרײַפאַכיקער אין בלינדנס ביטערנעס;
אַזאַ זעאונג האָסטו ניט, ווי איינעם אַ מאָל באַפאַלט,
צו „דיאַנאַן״, קיניגן פון דער ערד, און הימל, און גיהנום׳ס.

צו א יונגער פרוי

וואָס האָט מיר געשיקט אַ בלומען קראַנץ

אַ פרישער מאָרגן גאַסט האָט אָוועקגעלאָזן דאָס גאַנצע מורא
פון מײַן צופרידן בוזים, — איצט פון פינסטערן נאָגן
איך שטיי פאַר אויביק — ניט אויף אָטאָם ווייניקער סחורה
ווידער שטאָלצער פּרעכטיקער לאָרבער־קראַנץ זאָל צופרידן מיך טראָגן.
ניין! ביי די אויביקע שטערן! נאָר וואָרום זיצן דאָ אין סאַכע,
קוקן אין דעם זונס אויג, און אַ קעגן מײַן שליף קאַסטן בײַן
אַאַפּלאָס, די זעלביקע בלעטער, אײַנגעוועבט מיט ברכה
פון די ווײַסע פינגער און פון גייסטיק ריין.

אָט! ווער וואָגט זאָגן „טו דאָס״? ווער וואָגט רוף ניט
מײַן ווילן פון זײַן הויכע כונה? „ווער זאָגט שטיי״.
אָדער „גיי״? דער מעכטיקער מאָמענט וואָלט איך פאַרטריבן אַ בליק מיט,
אַ סיזאָרע געמיינהייט — ניט די שטאַנדהאַפטע באַנדע — ריי
פון צוגעשיקטע העלדן זאָל אָפּגעריסן ווערן פון מײַן קרוין:
דאָך וואָלט איך קניען און קושן דײַן אידל האַנט שיין!

סאנעט

בלא! דאָס איז לעבן פון הימל, — די וואינונג
פון סינטיאַ, — דער רחובותדיקער פּאַלאַץ פון דער זון. —
די ביידל פון העספּעראָס, און גאָר זיין פּאַפּירן פון, —
די בריסטיקע וואָלקנס, גאָלד, גרין און שוואַרץ־ברוין שוואונג.
בלא! איז דאָס לעבן פון וואַסער: — דער ים
און גאָר די אונטערטעניגע שטראָמען, לוזשעס אומצאָליקע,
מעגן כעסן, און שוימען, זיין אומרואיק, נאָר קאָנען קיינמאָל
זינקען, אויב ניט די דונקעל־בלויע איינגעבאָרנעם שטאָם.

בליו! איידעלער קאָזין פון דעם וואַלדגרינעם וואַכט,
פאַרהייראַט צו גרין און צו אַלע פאַרזיסטע בלומען. —
וואַלד טרעף־זיך־ניט. — די בלאַע גלעקלעך, — און, די דאָזיקע קיניגן קומען
פון געהיימעניש, די וויאָלעט: וואָס פאַר אַ געהיימע מאַכט
האָסטו, ווי נאָר אַ שאָטן! נאָר ווי מעכטיק אויבן,
ווען אין אַן אויגן־בליק דיין כיטרעקייט, לעבט אויף מיט גלויבן!

געשריבן אויף א ליידיקן זייטל פון שעקספּירס לידער

ליכטיקער שטערן, וואָלט איך געווען שטאַנדהאַפט ווי דו ביזט —
ניט אין עלנטער גלאַנץ היינגט אין לופטן די נאַכט
און היטן, מיט אויביקע אויגן לעדלעך באַזונדער איז,
ווי נאַטורס געדלט, שלאָפלאָז אָפּגעטיילט פון דער וועלט, וואַכט
די לייפענדע וואַסערן ביי זייער גייסטלעכן אַן אויפגאַבע,
פון ריינעם אָפּוואַשנג וואַסער אַרום ערדס מענטשלעכע ברעגן,
אָדער בליקן אויף דער נייער ווייכער אַראָפּגעפאַלענער מאַסקע
פון שניי אויף די בערג און די בלאָטעס, ווען —

ניין — נאָך אַלץ שטאַנדהאַפט, נאָך אַלץ אומגעביטן,
באַקישן׳ט אויף מיין שיינער ליבע אויסגערייפטע ברוסט,
צו פילן פאַר אייביק ווייכן־פאַל און זייער אויפזיטן,
דערוואַכן פאַר אייביק אין אַ זיסן אומרואיקייט לוסט,
נאָך אַלץ, נאָך אַלץ צו הערן איר זאַפטיקן אַריינצי אָטעם וועיט,
און אַזוי לעבט תמיד — אָדער אַנדערש פאַלן אין אוממאַכט טויט.

סאָנעט

אויף אַ סאָנעט

אויב די שוואַכע גראַמען אונדזער ענגליש מוז געווינען,
און, ווי אַנדראָמעדאַ, האָט די סאָנעט זיס געשטאַלטן —
געשמידט צו להכעיס אין שמערץ־ליבלעכקייט.
לאָמיר געפינען, אויב מיר מוזן זיין צוריקגעהאַלטן
סאַנדעלן מער אונטערגעפלאָכטן און גאָר גוט
צוצופאַסן די נאַקעטע פוס פון פּאָעזיע:
לאָמיר אונטערזוכן די ליר, און וועגן די וויכטיקייט
פון יעדן טאָן, און זען וואָס וועט מעגלעך געווינען — אַ ראָזע
ביים אויער מייסטעריש, און אויפמערקזאַם זאַמלען;
די קאַרגע פון קלאַנג און זילבן ניט וויניקער
ווי מידאַס פון זיין מינץ־געלט. זאָל דאָס זיין
אויפגעזוכט פון טויטע־בלעטער אין דעם לאָמבערקראַנץ וואַקסן;
אַזוי אויב מיר מעגן ניט, זאָל די מוזע זיין פריי,
זי וועט זיך בינדן מיט גאַרלאַנדעס אין איר אייגענעם שיין.

סאָנעט

ווען איך שרעק זיך דאָס איך וועל אויפהערן צו עקזיסטירן
בעפאָר מיין פען האָט אָנגעזאַמלט וואָס ברענגט אַרויס דער מוח,
בעפאָר הייכע־קופעס ביכער, אין כאַראַקטער רירן,
ווען איך באַטראַכט, פון די נעכט פאַרשטיינטע פנימער,
גרויסע סימבאָלישע וואָלקנס פון גרויסע ראָמאַנסן פירן,
און דיינק דאָס איך מעג קיינמאָל לעבן צו נאָכזוכן
זייערע שאָטנס, מיט זייערע קונץ־הענט פון שאַנסן שפּירן;
האלט ווי רייכע שפּייכלער די פולע רייכע זוימען;
און ווען איך פיל, אַ שיינע באַשעפעניש פאַר אַ שעה,
דאָס איך זאָל נישט קוקן צו דיר מער,
קיינמאָל געהאַט געשמאַק אין די צויבער־מאַכט
פון ניט אָפּגעשפּיגלטע ליבע; — דערנאָך ביים ברעג הער
פון דער ווייטער וועלט איך שטיי אַליין און דיינק
ביז ליבע און באַרימטקייט צו גאַרנישטקייט וועט זינקען שווער...

שושנים לקטתי,
עם עשב ועלים ליכדתים;
באחרית סתוי
לאלומה נשלבו.
של אביב וקיצי
וסתוי מאמצי,
לקורא — מתנה הובאו.



עלים מגני

אשחרר את האושר לדרך חיי

מי זה עוצר בעדי לצד השמש הלוהט
ודוחפני בצל הקר?
אני רואה מילדותי הרחוקה, מאז המועד —
